# תשורה

משמחת הנישואין של

**מנחם מענדל ושרה שאשא** שיחיו

**פיקרסקי**

ז' אדר שני ה'תשפ"ב

בעזהי"ת

# פתח דבר

לזכרון טוב, יום כלולת צאצאינו החתן התמים **מנחם מענדל** שי' עם ב"ג הכלה מ' **שרה שאשא** תי', הננו בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק – מיוסד על ההנהגה בעת שמחת הנישואין של כ"ק אדמו"ר שליט"א – בתשורה המוסגרת בזה.

*

התשורה כוללת:

א) **שער המשפחה** – (1) מכתב לסב הכלה הרב **שלמה** שי' **קונין**; (2) מכתבים לסב סב הכלה הרב **מנחם מענדל קונין** ע"ה.

ב) **שער הגהות** – שיחת ש"פ משפטים, מבה"ח וער"ח אדר ראשון, ה'תשמ"ו – הגהה ראשונה ושני'. באדיבות מערכת "**מפתח**".

יצויין שרוב החומר בתשורה זו מתפרסם בזה **לראשונה**.

*

ויהי רצון, שתיכף ומיד "ישמע . . קול ששון וקול שמחה" האמתי, כאשר "נזכה זעהן זיך מיטן רבי'ן", בהתגלות כ"ק אדמו"ר שליט"א, תיכף ומיד ממש!

**משפחת פיקרסקי** **משפחת ניומאן**

ז' אדר שני, ה'תשפ"ב
שנת המאה ועשרים להולדת כ"ק אדמו"ר שליט"א
ברוקלין, נ.י.

# התשורה שחולקה בעת חתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א



בעזה"ית

שלום וברכה

לזכרון טוב ביום כלולת בתי הכלה המהוללה מ' חי' מושקא תחי' עם בן החתן הרב מ' מנחם מענדל שי'. הנני בזה לכבד את כל המשתתפים תוך דשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה. העתק מכתב כתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר אאזמו"ר, אדונינו הראשון, רבנו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע. אשר סגולה יהי' לכל אלו דאיתא בנפש ועד בשר. בתוככי ידידינו אנ"ש, ה' עליהם יחיו, וכל מחבבי תורה יחיו.

בשמחה וברכה

יוסף יצחק

ישיבה "תומכי-תמימים ליובאוויטש"

ג' י"ד כסלו. תרפ"ט. ווארשא.

פרשת אבתך יקרה זה הוא. כי היחס בין החסידים ומתנגדיהם בעת ההיא הי' במצב כזה. אשר באחת האסיפות של אנ"ש במדינת חוו קבוצת אברכים מופלגי תורה מצעירי החסידים בעתם לצאת לריב עם מתנגדיהם ומאנו להוסיף ללכת בעקבי. ומהם אנ"ש שבראשם עוד לפני הקהלה החסיד ר' מאיר בר' רפאל נ"ע אשר כחשבון ששה שנים (תקנ"ג - תקנ"ט) עמלו והשתדלו בדבר הבאת שלום ובאסיפה ההיא תמך החסיד רמ"מ נ"ע בידם של הצעירים ויצא בדברים יוצאים מלב כואב, וברוב התרגשות שסבלו. נגד החסיד רמ"ר נ"ע

באותו מועד שלח רבנו הגדול אליהם ציר מיוחד. ואמר. הצדק אתכם. אבל המנוח עליו השלום על הלב, וזאת היא עבודת אנ"ש להיות לבם ברשותם ומכון לאהבתו ויראתו ית'. ולבא לידי שיפוך בהתעוררות עזות באהבת כל ישראל ... וסוף כבוד אלקים לבא כאשר יקוים מעיינות מציון בית ה' אשר נגלה ע"י מורנו הבעש"ט נ"ע ומלאה הארץ דעה את ה'

ובחדש אלול בשנה ההיא שלח רבנו הגדול מכתב זה להחסיד ר' משה נ"ע









המכתב הזה והנכתב (בלה"ק) מעבר לדף, הוא תמונת הדרת קדש, גוף כתב יד קדשו של הוד כ"ק אאזמו"ר, אדמו"ר אבינו הראשון, רבינו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע.

# שער המשפחה

## (א) מכתב לסב הכלה הרב שלמה שי' קונין



RABBI MENACHEM M SCHNEERSON
Lubavitch
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, ט"ז אלול תשי"ג
ברוקלין.

האברך ברוך שלמה שי'

שלום וברכה!

אין צוזאמענהאנג מיט דיין בר מצוה שבת פ' תבא, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה, וויל איך נאך אמאל ווינשען, נוסף אויף דעם וואס איך האב דיר געזאגט ווען דו ביזט געווען בא מיר, אז מבן שלש עשרה למצות זאלסט דו וואקסען לבן חמש עשרה לגמרא וכו', ווי די משנה רעכענט אוים אין מסכת אבות פרק ה'.

יעדער זאך איז דאך בהשגחה פרטית און מען דארף פון דעם אפלערנען א הוראה אין לעבען, און דאס וואס דיין בר מצוה ווערט געפייערט אין שול-בית מקדש מעט-און אין דעם ליכטיקן טאג ח"י אלול דארפמען דערפון נעמען א אנווייזונג ווי צו פירן זיך.

דער שווער דער רבי זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע טייטשט, אז ח"י אלול איז דאס דער טאג פון וועלכען מען נעמט לעבעדיקייט, וואס מין זיין כח מאכט מען לעבעדיק דעם גאנצען חדש אלול, וועלכער איז דער חדש פון חשבון אויף דעם גאנצען יאר, און השי"ת זאל דיר העלפען, אז דו זאלסט טאן אלץ וואס עס ווענדעט זיך אן דיר, צו זיין א ווארימער לעבעדיקער איד, וואס דאס קומט דורך א לעבען געפירט ברוח של תורה ומצוה, און וואס דורך דעם פארבינדט מען זיך מיט הקדוש ברוך הוא בורא עולם, ווי משה רבינו זאגט אונז-ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.

בברכת כתיבה וחתימה טובה, און אז דיינע עלטערן זאלן האבען פון דיר און פון דיין ברודער פיל נחת, אידישן נחת חסידישן נחת

# (ב) מכתבים לסב סב הכלה הרב מנחם מענדל קונין


FAST DIRECT

RCA RADIOGRAM

R.C.A. COMMUNICATIONS, INC.

A RADIO CORPORATION OF AMERICA SERVICE

TO ALL THE WORLD — BETWEEN IMPORTANT U.S. CITIES — TO SHIPS AT SEA

RECEIVED AT 64 BROAD STREET, NEW YORK, AT SEP 14 1938 STANDARD TIME

SPLHF PN187

OTWOCK 18 13 2015

Lx one

LC CUNIN 345 EAST 77 STREET NEWYORKNY

MASOLTOW LECHAHOYRIM CHOSON KALO BESHOO TOYRO UMUZLACHAS

BEGESHEM UBRAUCH

RABBI SCHMEERSOHN

(MM 3RD CHOSON OR MOSON INDISTINCTLY WRITTEN )

Telephone: HAnover 2-1811 To secure prompt action on inquiries, this original RADIOGRAM should be presented at the office of R.C.A. COMMUNICATIONS, Inc. In telephone inquiries quote the number preceding the place of origin.

ח״י אלול תרצ״ח

אטוואצק

קונין...

מזל טוב להורים חתן כלה בשעה טובה ומוצלחת בגשם וברוח

הרב שניאורסאהן

RABBI J. SCHNEERSOHN
OF LUBAWITZ
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN, N. Y.
SLOCUM 6-2919

יוסף יצחק שניאורסאהן
ליובאוויטש

ב"ה, כ"ב אייר, תש"ג
ברוקלין

ידידי עוז הנכבד והכי
נעלה, בעל מדות תרומיות
וו"ח אי"א מו"הר מנחם
מענדיל שי' שו"ב

שלום וברכה!

בזה הנני לבקשו להשתדל בחיזוק כל הענינים שהנני עוסק בהם, בהחזקת מרכז ישיבות תומכי-תמימים, בהחזקת מרכז לעניני חינוך בכל ענפי עבודתו, בהפצת הנדפסים ולרכוש מנדבים, בהמגבית בשביל לחם לרעבים בהמגבית בשביל בנין עבור מרכז ישיבות תומכי-תמימים, בהחזקת ישיבת תורת אמת, בהחזקת כולל חב"ד, בהחזקת הקרן של חדרי תורה ליובאוויטש, בכל הענינים האלו יקח חלק בראש בעבודת ההחזקה, כאמור כל אשר בכחך עשה, והשי"ת יחזק את בריאותו ואת בריאות זוגתו תחי' ואת בריאות ילידיהם יחיו ויאריך ימיו וימי זוגתו תחי' בטוב ובנעימים ויראו רוב נחת בילידיהם יחיו.

ידידו הדו"ש ומברכו



נחמה דינה שניאורסאהן
ליובאַוויטש

N. DINAH SCHNEERSOHN
OF LUBAWITZ
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
SLocum 6-2919

ב"ה, שלהי אלול תש"י
ברוקלין

כבוד ידידנו הנעלה וו"ח אי"א
מוה"ר מנחם מענדיל שי' שו"ב
קונין.

שלום וברכה!

לקראת השנה החדשה הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה, הננו בזה לברך אותו ואת ב"ב יחיו בברכת כתיבה וחתימה טובה על שנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות.

הרבנית נחמה דינה שניאורסאהן

הרב מנחם שניאורסאהן.
חדב"נ.

הרב שמרי' גורארי'
חדב"נ.

# שער הגהות

## שיחת ש"פ משפטים, מבה"ח וער"ח אדר ראשון, תשמ"ו

### הגהה ראשונה

בס"ד. חלק משיחת ש"פ משפטים, מבה"ח אדר ראשון, ה'תשמ"ו (ועוד).

א. דעם שבת קומט פאַר א כינוס פון בנות ישראל, וועלכער האט זיך אנגעהויבן בערב שבת קודש, און ווערט פאָרגעזעצט אין דעם שבת, און דערנאך ביום ראשון וואס נאך שבת.

וויבאלד אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית[1], איז פארשטאנדיק, אז דער כינוס איז פארבונדן (בתוכן הענינים) מיט דער צייט ווען ער קומט פאַר, צום אלעם ערשטן – מיט דער (פרשה אין) תורה פון דער צייט [וואס דערמיט דארף מען לעבן אין דער צייט[2], ד.ה. אז דאס באלעבט און גיט ארויס דער תוכן העבודה פון יעדן אידן אין דער באשטימטער צייט], ובעניננו – וויבאלד אז דער כינוס קומט פאַר במשך כמה ימים – מיט דריי פרשיות בתורה: פ' יתרו – וואס משבת פ' יתרו מתברך יום הששי[3] (התחלת הכינוס), פ' משפטים – די פרשה פון דעם שבת (המשך הכינוס), און פ' תרומה – די פרשה פון יום ראשון (סיום הכינוס).

ב. די ערקלערונג אין דעם – ובהקדמה:

כאטש אז יעדער פרט אין תורה איז, זעלבסטפארשטענדלעך, אן ענין יסודי וכללי ונצחי בכל התורה כולה ובכל עניני יהדות, פונדעסטוועגן זעט מען אז געוויסע פרשיות אין תורה רעדן מער בגלוי וועגן ענינים כלליים ויסודיים.

צווישן זיי זיינען די פרשיות שבתורה פון אט די וואכן (מיט וועלכע דער כינוס איז פארבונדן) – פ' יתרו, פ' משפטים און פ' תרומה[4].

אין פ' יתרו ווערט דערציילט וועגן מתן תורה – וואס איז דער כלל ויסוד פון כל התורה והיהדות: בשעת מתן תורה האט דער אויבערשטער אויסגעקליבן אידן אלס זיינעם א פאלק*[4], און האט זיי דעמולט אפגעגעבן כל התורה כולה, וואס איז דער וועג-ווייזער[5] פאר די הנהגה פון אידן און פון כל העולם כולו עד סוף כל הדורות. און מתן תורה (ווען ס'איז בטבטל געווארן די גזירה פון תחתונים לא יעלו לעליונים און עליונים לא ירדו לתחתונים[6]) האט אריינגעגעבן דעם כח אין אידן און אין דער בריאה אז דורך תומ"צ זאל מען אויפטאן דעם בירור וזיכוך און אריינברענגען קדושה אין די דברים גשמיים פון וועלט, און מאכן א דירה לו ית' בתחתונים.

פ' משפטים איז א פארזעצונג צו די עשרת הדברות שבמתן תורה (בפ' יתרו)[7] – ווי עס שטייט[8] "ואלה המשפטים גו'", "כל מקום שנאמר כו' ואלה מוסיף על הראשונים, מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני"[9]. און דערצו: בסיום הפרשה רעדט זיך וועגן מתן תורה. ובפשטות: פרשת משפטים איז די ערשטע פרשה נאך מ"ת אין וועלכער עס רעדט זיך באריכות וועגן דינים ומצוות וואס זיינען פארבונדן מיט דברים וענינים גשמיים וואס תוכנם איז – בירור וזיכוך גשמיות העולם[10] און מאכן א דירה לו ית' בתחתונים.

. . כאטש אז יעדער פרט אין תורה איז, זעלבסטפארשטענדלעך, אן ענין יסודי . .

- יד -

ובפרטיות יותר: דער ערשטער דין פון "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" איז "כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם", וואס אין דעם שפיגלט זיך אפ כללות עבודת האדם[11] (במשך כל ימי חייו, ובכללות – במשך שית אלפי שנין דהוה עלמא) לשמש את קונו*[11] (כמבואר בחסידות[12]) בבירור וזיכוך הגוף והעולם ע"י תומ"צ, אז זיי זאלן ווערן א דירה לו ית' (וואס דער כח ויכולת לזה איז געגעבן געווארן בא מ"ת)[13], כדלקמן (סעיף ד).

און אין דאס גופא טיילט זיך (מער בפרטיות) אויף דריי דרגות – עבד כנעני, עבד עברי און אמה העברי', כמבואר אין דעם דרוש הידוע פון דעם אלטן רבי'ן[14] [וועלכן דער צ"צ רופט אן[15] "דרוש נכבד מאד"[16]] די דריי מדריגות עבד כנעני עבד עברי און אמה העברי' אין עבודת השם – בנפש האדם.

אין פ' תרומה רעדט זיך וועגן דעם משכן – "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[17] [וואס דערפון לערנט מען אפ[18] דעם ציווי אויף אלע בתי מקדשות, בית ראשון, שני ושלישי] – וואס איז אויך א כלל ויסוד אין אידישקייט. און אין דעם משכן איז נשלם געווארן די כוונה פון (מ"ת און עבודת עבד עברי כו') דירה בתחתונים – השראת השכינה אין א מקום גשמי בעולם.

זעט מען, אז די דריי פרשיות – יתרו, משפטים ותרומה – רעדן וועגן יסודות וכללים עיקריים בתורה ומצוות ויהדות, און – וועגן תכלית כל הבריאה*[18]: לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און די פרשיות קומען אין איין המשך וסדר אין די עבודה פון עשיית דירה לו ית' בתחתונים: בפ' יתרו**[18] רעדט זיך וועגן מתן תורה – ביטול הגזירה און די הכנה ונתינת כח מלמעלה אויף טאן די עבודה פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים; דערנאך קומט פ' משפטים וואו עס רעדט זיך וועגן עבודת העבד – התחלת עבודה זו בפועל, מצד המטה; דערנאך פ' תרומה – וועגן משכן, וואו עס ווערט נשלם די כוונה פון דירה בתחתונים, "ושכנתי בתוכם".

ובפרטיות – בעבודת כל יום: מ"ת איז דער ענין פון חינוך[19] בלימוד התורה וקיום המצוות, וואס דינט אלס הכנה ונתינת כח והוראה דורכצופירן די עבודה בפועל פון מאכן א דירה בתחתונים; עבודת העבד באדייט די עבודה בפועל במשך ימי חייו; און משכן באדייט די שלימות העבודה און די פעולה בעוה"ז צו מאכן דארט א משכן ודירה לו ית' – אנהויבנדיק פון מאכן א משכן ודירה לו ית' מביתו הפרטי ומכל עניניו ומחלקו בעולם, כמ"ש "ושכנתי בתוכם, בתוך כאו"א", ביז – מאכן א משכן בכל העולם – א דירה לו ית' בתחתונים*[19].

ג. ווי געהערט פיל מאל האבן אידישע פרויען און טעכטער א הייליקע און הערכסט-וויכטיקע שליחות אין דורכפירן דעם אויבערשטן'ס כוונה בבריאת העולם צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, וואס אין געוויסע הינזיכטן איז זייער ראלע נאך וויכטיקער און קומט פריער ווי די פון אידישע מאנסביל.

ווי מ'זעט עס בפשטות אין א בית ודירה פרטית (וואס אין דעם שפיגלט זיך אפ כללות הדירה לו ית'

. . און אין דאס גופא טיילט זיך (מער בפרטיות) ~~אויף~~ **אין** דריי דרגות . .

. . ובפרטיות - בעבודת כל יום **והחיים**: . .

*ס"ג*

. . וואס אין דעם שפיגלט זיך אפ, **כביכול** כללות הדירה לו ית' . .



— יג —

בתחתונים), אז די פרוי איז "עקרת הבית"[20], דער עיקר ויסוד פון דער דירה, הן בנוגע להנהגה בענינים גשמיים בהבית והן בנוגע להנהגה בענינים רוחניים.

און אין די דריי ענינים ופרטים הנ"ל (בעשיית דירה בתחתונים): מתן תורה – דער ענין פון חינוך הבנים והבנות – זעט מען אז דאס הענגט אפ אינעם גרעסטן טייל און דאס איז די הויפט אויפגאבע פון דער אידישער פרוי. עבודת העבד – די עבודה פון דורכפירן בפועל די דירה לו ית' בגשמיות העולם – זעט מען אז די אשה נעמט די "חטים" און "פשתן" וואס דער בעל ברענגט אריין אין שטוב, און גרייט זיי צו למאכל אדם, פון וועלכן מ'באקומט חיות און כח צו לעבן און דינען דעם אויבערשטן, בלשון חז"ל[20*] "אדם מביא חיטין חיטין כוסס פשתן פשתן לובש (בתמי'), נמצאת אשתו מאירה עיניו ומעמידתו על רגליו". משכן – מאכן פון שטוב א משכן לה' – זעט מען אז די אויפפירונג און אידישער גייסט פון הויז ווענדט זיך און איז אפהענגיק אין דער פרוי.

וואס דערפאר זעט מען אין די דריי אויבנדערמאנטע יסודות פון אידישקייט ועשיית דירה לו ית' (מ"ת, עבודת העבד, משכן[21]) – די מעלה פון נשי ובנות ישראל לגבי אנשים ובנים:

בא מתן תורה און בא נדבת המשכן ווערן נשים דערמאנט אין תורה פאר די אנשים:

די הקדמה צו מ"ת איז געווען[21*] "כה תאמר לבית יעקב" – "אלו הנשים"[22], און ערשט דערנאך "ותגיד לבני ישראל"[21*] – "אלו האנשים"[23]. אזוי אויך בא נדבת המשכן שטייט[24] "ויבואו האנשים על הנשים", פריער די נשים און דערנאך די אנשים[25].

און דער טעם אויף קדימת הנשים לאנשים (בא מ"ת און נדבת המשכן) איז מצד זייער קדימה במעלה בעבודה זו, כנ"ל:

מ'זעט באשיינפערלעך אז אין געוויסע פרטים האט מען אנפארטרויט אידישע פרויען נאכמער און פאר די מענער מיט דער הויפט אנפירונג אין די יסודות פון אידישקייט, מ"ת און עשיית המשכן, וואס זיי באדייטן דעם ענין פון געבן קינדער א תורה-חינוך (מתן תורה) און מאכן פון דער שטוב (וחלקו בעולם) א משכן לה' ("ושכנתי בתוכם") – כללות הענין פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים. ווי ערקלערט אויספירלעך אין די שיחה הידועה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[26].

ד. אזוי אויך אין די פרשה שבינתיים (פ' משפטים[27] שבין פ' יתרו לפ' תרומה) – דער דריטער ענין כללי פון עבודת העבד, און די דריי מדריגות עבד כנעני עבד עברי ואמה עבריה, וואס גייט אויף די עבודה בפועל פון עשיית הדירה בתחתונים – זעט מען די מעלה און וויכטיקע שליחות פון נשי ובנות ישראל.

מ'האט פריער גערעדט אז אין עבודת העבד עברי שפיגלט אפ כללות עבודת האדם לשמש את קונו אלס אן עבד לה'[28]. והביאור:

דער כללות הענין פון מכירת ועבודת העבד ואמה עבריה[29] ברוחניות גייט אויף ירידת הנשמה בגוף בגשמיות העולם[30], מיט דער כוונה צו זיין אן עבד ואמה לה'[31] לשמש את לברר ולזכך גופו ונה"ב וחלקו

. . דער ענין פון חינוך הבנים והבנות **אנהייבענדיק פון קטנותם** . .

. . דער אידישער גייסט פון הויז ווענדט זיך און הענגט אפ ~~אין~~ **פון** דער פרוי . .

. . דער טעם אויף קדימת הנשים לאנשים (בא מ"ת און נדבת משכן) איז **(אויך)** מצד זייער קדימה <u>במעלה</u> בעבודה זו . .

. . האט מען אנפארטרויט אידישע פרויען נאכמער ~~(און פריער פאר)~~ די מענער . .

. . וואס זיי ~~באדייטן~~ **זיינען** דעם ענין פון געבן קינדער א תורה-חינוך (מתן תורה) און מאכן פון דעם שטוב **(**וחלקו בעולם **- חטין ופשתן כנ"ל)** א משכן לה' . .

*ס"ד*

. . אין עבודת העבד עברי שפיגלט **זיך** אפ כללות עבודת האדם לשמש את קונו . .

- 3 -

בעולם ע"י תומ"צ, לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און די עבודה טיילט זיך בכללות אויף דריי מדריגות בנפש האדם מלמסלמ"ע, מן הקל אל הכבד (הן בעבודתו בכל יום[32], הן בעבודתו במשך כל ימי חייו): עבד כנעני, עבד עברי, און די העכסטע מדריגה (שלימות העבודה) איז אמה עבריה:

"עבד כנעני" גייט אויף תחלת העבודה (אתכפיא), ווען די נפש הבהמית איז נאך בתקפה, עבדא בהפקרא ניחא לי'[33], און ציט זיך למטה צו תאוות עוה"ז, נאר ער (דער "עבד כנעני") איז כופה עצמו און איז עובד ה' במעשה בפועל ממש בסור מרע ועשה טוב מצד קבלת עול ואימת האדון.

"עבד עברי" איז א העכערע דרגא בעבודה: ביי אים זיינען שוין מאיר די מדות פון נפש האלקית אין נפש הבהמית, ביז אז אויך ביי דער נה"ב איז דא א תשוקה לה'; זי איז אבער נאך ניט נתהפך געווארן לקדושה, אז ער זאל ניט האבן קיין חמדה צו תאוות עוה"ז. ע"ד ווי אן עבד וואס ברענגט אריין אין הויז אלע הצטרכויות פון די בני בית פון אכילה ושתי'; זיי זיינען נאך אבער ניט ראוי לאכילת אדם - זיי זיינען נאך ניט געקאכט און געבאקט, ניט געענדערט פון זייער פריערדיקן מהות.

די עבודה פון "אמה עבריה" איז וואס די תאוות ומדות פון נה"ב ווערן נתהפך לקדושה (אתהפכא) ביז אז זיין תשוקה איז נאר צו אלקות. ע"ד ווי די עבודה פון אן אמה עבריה כפשוטה, וואס איר עיקר עבודה באשטייט (ניט פון ארויסגיין שאפן די אכילה ושתי', נאר) פון בישול ואפיית המאכלים וואס מאכט זיי איבער פון א מהות גשמי צו דברים הראויים לאכילה - מאכלים ערבים ומתוקים[*33], כמ"ש[34] "רעיתי - מפרנסתי", ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים.

ביז אז עס ווערט די תכלית ושלימות פון אן אמה העבריה - מצות יעוד באמה העבריה (לו אדער לבנו)[35], וואס דעמולט ווערט זי אויס אמתו און זי ווערט אשתו - יחוד איש ואשה, וואס דעמולט (בשעת "איש ואשה זכו") איז "שכינה ביניהן"[36], והתכלית - הולדת בנים, גילוי כח הא"ס למטה[*36].

וברוחניות[37] - די עלי' פון דער נשמה שיורדת בעולם הבריאה (בחי' אמה עבריה) אין עולם האצילות, וואס דעמולט ווערט זי אויס אמה און זי ווערט נתעלה לבחי' כלה[*37] (מלכות דאצילות), די עבודה בבחי' כלות הנפש, וואס דעמולט ווערט תכלית הבירור וההפיכה פון דעם גוף וגשמיות העולם (אז אויך בחי' נוגה וואס איז דא ביי אן אמה בדקות ווערט נתברר ונתהפך לקדושה[38]); און עס ווערט דער יחוד (יעוד) פון כנס"י (אידן) מיטן אויבערשטן, יחוד החתן וכלה (ז"א ומלכות), ועי"ז ווערט גילוי כח הא"ס למטה (א הולדה חדשה) - די שלימות פון דירה לו, לעצמותו, ית' בתחתונים.

ה. נאכמער:

דער דין איז, אז "אין אמה העבריה נמכרת אלא למי שיש לה עליו או לבנו קידושין כדי שתהא ראוי' ליעוד"[*38] (ועד"ז אינה נמכרת בפרוטה "מפני שצריך לקנותה בדמים שראויין לגרעון כדי שתגרע פדיונה

. . און די עבודה טיילט זיך בכללות ~~אויף~~ **אין** דריי מדריגות . .

. . באשטייט (ניט ~~פון~~ **אין** <u>ארויסגיין</u> שאפן די פראדוקטן פאר אכילה ושתי', נאר) . .

*[על הנכתב "רעיתי - מפרנסתי" - סימן בעיגול את האות מ, וכתב:]* **?**

. . די עלי' פון דער נשמה ~~שיורדת~~ **שהיא** בעולם הבריאה . .

. . תכלית הבירור ~~וההפיכה~~ **והאתהפכא** פון דעם גוף וגשמיות שבעולם . .

– יו –

ותצא"[39], ד.ה. אז אויב מ'ווייסט אז מ'וועט ניט קענען מיעד זיין (אדער פודה זיין) די אמה – טאר מען איר לכתחילה ניט פארקויפן, ווארום דער <u>תכלית</u> איז – יעוד האמה.

זעט מען דערפון דעם גודל העילוי און כבוד וואס מ'גיט אפ דוקא צו א בת ישראל:

בכדי פארקויפן א זכר לעבודות איז גענוג – "אם אין לו ונמכר בגנבתו"*[39], און דערביי שטעלט מען ניט קיינע אנדערע תנאים;

משא"כ בנוגע צו א בת בישראל, וואס איר פאטער מעג איר פארקויפן אלס אן אמה העברי'[40], שטעלט מען א תנאי אז אויב מ'וועט איר ניט קענען מייעד (אדער פודה) זיין, טאר ער איר לכתחילה ניט פארקויפן.

דאס הייסט, אז אע"פ וואס דער פאטער איז אן עני (ולא מצא מה יאכל) ולא נשאר לו כלום לא קרקע ולא מטלטלין ואפילו כסות שעליו – וואס דוקא דעמולט מעג ער פארקויפן זיין טאכטער[41] <u>לזמן קצר</u> בכדי זי זאל אים ארויסהעלפן בפרנסה ~~(מצד כיבוד אב)~~ [ווארום אויב ניט צוליב דעם טעם – וועלכער פאטער וואלט דען פארקויפט זיין טאכטער?!], און אע"פ וואס בלאו הכי איז אן אמה העברי' יוצאת בסימנים וכו'[42] (וואס דאס איז אויך א מעלה שבה לגבי אן עבד) – פונדעסטוועגן, איז דאס נאך ניט גענוג טעם אז מ'זאל איר מעגן פארקויפן, און מ'דארף דערצו אנקומען אז מ'זאל איר קענען מייעד זיין. ווארום אין א בת בישראל דארף מען זען בגלוי דעם תכלית אירער – יעוד (אדער פדיית) האמה, דער ענין החתונה ובנין בית (דירה) בישראל.

דערפון איז אויך מובן בנוגע לאמה העברי' בשרש ורוחניות הענינים: דער "כי ימכור איש את בתו לאמה", ירידת הנשמה בגוף, קען לכתחילה ניט זיין סיידן אז מ'זעט גלייך בתחלת הירידה דעם תכלית הירידה וואס זי איז צורך עלי' – יעוד (אדער פדיון) האמה, דער יחוד פון הקב"ה וכנס"י – שלימות פון דער דירה לעצמותו ית' בתחתונים.

ו. ע"פ הנ"ל איז מובן ווי אויך אין דעם ענין כללי בעבודת ה' שבפ' משפטים (עבודת העבד – די דינים וועגן עבד ואמה העברי') ברענגט זיך ארויס די מעלה פון עבודת נשי ובנות ישראל אין זייער עבודת ~~פון מאכן א דירה בתחתונים~~: די <u>שלימות</u> העבודה פון דער נשמה דא למטה (כללות ענין דעבד ואמה) לעשות לו ית' דירה בתחתונים בכל הדרגות הנ"ל דריקט זיך אויס דוקא אין אן אמה העברי' (א <u>בת</u> בישראל), די עבודה פון אתהפכא – מהפך זיין די מדות פון נה"ב און עניני העולם בכלל לקדושה, אז זיי זאלן ווערן א דירה לו ית'. און דוקא בא דער אמה עברי' (משא"כ ביי אן עבד, א זכר) דריקט זיך אויס שלימות העבודה – יעוד האמה, יחוד זו"ן (הקב"ה וכנס"י) – דירה לעצמותו ית' בתחתונים. און נאכמער: דוקא בא דער אמה העברי' איז דא דער תנאי בתחלת המכירה (ירידה) אז די תכלית מוז זיין <u>יעוד</u> (אדער פדיון) האמה.

וואס דערפון איז מובן, אז היות די מעלה שפיגלט זיך אפ דוקא אין א בת בישראל (אן אמה, און ניט

*ס"ה*

. . טאר ער איר **מ**לכתחילה ניט פארקויפן . .

. . דוקא דעמולט מעג ער פארקויפן זיין טאכטער <u>לזמן קצר</u> בכדי זי זאל ~~אים~~ ארויסהעלפן בפרנסה ~~(מצד כיבוד אב)~~ . .

*ס"ו*

. . משא"כ ביי א עבד , ~~א זכר~~ **מאנסביל**) דריקט זיך אויס שלימות העבודה . .

. . דער תנאי בתחלת המכירה (ירידה) אז ד~~י~~**ער** תכלית מוז זיין יעוד (אדער פדיון) . .

. . (משא"כ ביי אן עבד, א ~~זכר~~ **מאנסביל**) . .

. . וואס דערפון איז מובן~~,~~: היות אז די מעלה שפיגלט זיך אפ . .



— ז —

א גבר), באווייזט עס אז אין דער עבודה האט א בת ישראל א מעלה לגבי אן איש – אז דוקא נשי ובנות ישראל טוען אויף די שלימות העבודה פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים (וואס דער כח לזה איז געגעבן געווארן בא מ"ת, און דער פולער אויסדריק דערפון איז אין משכן), ווי געריעדט פריער – אז זיי נעמען די חטים און פשתן וואס דער בעל ברענגט אריין אין שטוב, און גרייטן דאס צו למאכל אדם, איש וועלכן מ'באקומט חיות און כח צו לעבן און עובד זיין את ה', בדוגמת המעלה פון עבודת אמה העברי' לגבי עבודת העבד, כנ"ל.

ביז תכלית השלימות בעבודה זו – יעוד האמה – דער ענין פון חתונה ובנין בית בישראל, והתכלית – הולדת בנים ובנות; אז זי ווערט נתעלה העכער פון די דרגא פון אפי' ובישול לבעלה, און עס ווערט דער יחוד פון איש ואשה, והולדת בנים ובנות, תכלית השלימות פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

ז. לויט דעם ביאור הנ"ל איז מובן די שייכות והמשך פון די דריי פרשיות הנ"ל – יתרו משפטים ותרומה – בקשר מיט מעלת נשי ובנות ישראל:

אין די דריי ענינים כלליים (מ"ת, עבודת העבד, משכן) בג' פרשיות אלו איז אונטערשטראכן מעלת נשי ובנות ישראל, ווייל אידישע פרויען און טעכטער נעמען א הויפט-איינטייל אין דער עבודה פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים – דער תוכן פון די דריי אויבנדערמאנטע ענינים: מ"ת, חינוך – די נתינת כח צו דער עבודה פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים, וואס אלס הקדמה לזה האט מען גערעדט פריער צו די נשים ("כה תאמר לבית יעקב"); דערנאך אין דער עבודה בפועל – עבודת העבד – ווערט די שלימות העבודה אנגעדייטעט אין א בת ישראל (אמה העברי'), ביז צו דער שלימות בזה – יעוד[43] האמה, יחוד איש ואשה (כנס"י והקב"ה), וואס דעמולט איז "שכינה ביניהן" – "ושכנתי בתוכם" אין דעם משכן[43] בבית פרטי זה; דערנאך בנדבת המשכן – די שלימות בפועל פון דירה בתחתונים, דער משכן בעולם[43] (ניט נאר בבית פרטי) – האבן די נשים מקדים געווען לפני האנשים[43].

ח. ע"פ המבואר לעיל איז פארשטאנדיק די שייכות פון דעם כינוס דבנות ישראל וואס קומט פאר בימים אלו מיט די פרשיות שבתורה פון ימים אלו (פ' יתרו, משפטים, תרומה)[44] און דער לימוד וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען בנוגע צו דעם כינוס – א צווייענדיקער לימוד:

דער ערשטער לימוד וואס מ'האט דערפון איז – די ספעציעלע שליחות ותפקיד פון בנות ישראל צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, דורך דעם וואס יעדערע פון זיי וועלן, בעז"ה, בקרוב ממש חתונה האבן און אויפשטעלן א בית בישראל – א משכן לה', כולל דורך משפיע זיין אויף איר מאן בכל עניני קדושה ותומ"צ, און אויפהאדעווען קינדער מיט א חינוך על טהרת הקודש (דער ענין פון מתן תורה הפרטי).

און אזוי אויך – משפיע זיין אויף דעם גאנצן ארום אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, דורך זיין א דוגמא חי' ווי א אידיש פרוי און טאכטער דארף זיך אויפפירן, וואס דעמולט וועט זיין ממנה תראינה וכן

. . א ~~זכר~~ **מאנסביל** . .

. . ביז **ה**תכלית בעבודה זו . .

*ס"ח*

* און דער לימוד וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען בנוגע צו דעם כינוס . . *[הציון "*" פירושה סימון להתחלת פיסקא בפ"ע]*

. . א דוגמא חי' ווי אן אידיש**ע** פרוי און טאכטער דארף זיך אויפפירן, וואס דעמולט וועט זיין **-** ממנה תראינה . .

— ל —

תעשינה רבות.

און דערצו האבן נשי ובנות ישראל אויך די סאמע ~~אייבערשטע~~ שליחות – צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה. ווי געהערט מערערע מאל, אז כשם ווי בא יצי"מ איז "בשכר[45] (בזכות[46]) נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים", אזוי איז דאס אויך בכל דור ודור[47], און ספעציעל בדורנו זה, וועלכער איז א גלגול פון דור מצרים[48].

און מ'זעט ~~אייגנטלעך~~ בטבע נשי ובנות ישראל, אז בא זיי (מער ווי בא אנשים) ~~עייגט~~ זיך בפשטות צו שוין ארויסגיין פון גלות. ~~און זיי דארפן דערצו נים אנקומען – צו סיפורי צדיקים~~, און מ'דארף זיך מיט זיי ווייניקער אמפערן אז מ'דארף שוין ארויס פון גלות ווי מ'דארף זיך משתדל זיין מיט אנשים[49].

ט. דערצו האט מען א צווייטן לימוד – פאר אנשים – וועגן דעם גודל הכבוד וואס זיי דארפן אפגעבן צו נשי ובנות ישראל, וויסנדיק גודל מעלת נשי ובנות ישראל (כנ"ל בארוכה), וואס דערויף (כבוד האשה) האט מען דעם ~~בעסטן~~ לימוד פון דעם דין הנ"ל בנוגע צו אן אמה העבריי' (אז אביה טאר איר נים פארקויפן סיידן מ'קען מקיים זיין מצות יעוד).

ווי דער דין איז[50] – "צוו חכמים יהא אדם מכבד את אשתו יותר מגופו כו'":

ס'איז מובן אז דער דין רעדט נים וועגן איינעם וואס איז מבזה גופו ח"ו, כפסק ההלכה[51] אז "אין לו לאדם רשות על גופו כלל להכותו ולא לביישו ולא לצערו בשום צער כו'", נאר מ'מוז מכבד זיין דעם אייגענעם גוף זייענדיק "קנין הקב"ה"[52]. ואעפ"כ איז דער דין, אז וויפל אן אדם איז מכבד את גופו, דארף ער מכבד זיין את אשתו יותר מגופו.

דער לימוד דערפון איז בפשטות – ביחס איש לאשתו:

אע"פ וואס בכלל איז אן אשה אן "עזר כנגדו"[53] וטפל לו, פונדעסטוועגן דארף דער איש איר מכבד זיין נים נאר כגופו, ווי ער איז מכבד זיך אליין, ד.ה. איר ~~נאכגעבן און~~ ארויסהעלפן אין ~~אלע~~ זאכן פונקט ווי ער טוט פאר זיך אליין, נאר נאכמער – "מכבד את אשתו יותר מגופו", ער דארף איר ארויסהעלפן און מעודד זיין וכו' נאכמער וויפל ער טוט פאר זיך אליין. ד.ה. אפילו אויב זיין פרוי וויל האבן הילף אין א זאך וואס ביי אים איז דאס נים אזוי תופס מקום און ער מיינט אז ס'איז א קלייניקייט – דארף ער איר מכבד זיין און ~~דערמיט~~ ארויסהעלפן ~~בכל התוקף~~ אפילו על חשבון עצמו.

עאכו"כ ווען עס רעדט זיך (נים וועגן דברי רשות, נאר) וועגן ענינים טובים וקדושים ותומ"צ – אז די פרוי וויל לערנען תורה כולל תורת החסידות, און וויל ארויסגיין טאן אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, איז ~~א~~ זיכערע ~~זאך~~ אז דער מאן דארף מכבד זיין איר רצון (און – יותר מגופו) און איר מעודד זיין און ארויסהעלפן בכל אופן האפשרי.

ד.ה. אז אע"פ וואס בנוגע צו אן אשה זיינען דא הגבלות בנוגע לקיום המצוות ותלמוד תורה (~~נאר~~

. . און ספעציעל בדורנו זה, וועלכער איז א גלגול פון דור **יוצאי** מצרים . .

. . און מ'זעט ~~אייגנטלעך~~ בטבע נשי ובנות ישראל, אז ביי זיי (מער ווי ביי אנשים) ~~נ~~ **לייגט** זיך בפשטות צו ארויסגיין שוין פון גלות . .

ס"ט

. . וואס דערויף (כבוד האשה) האט מען דעם ~~בעסטן~~ **בולט'ן** לימוד פון דעם דין הנ"ל . .

. . **היפך** ~~כ~~פסק ההלכה אז "אין לו לאדם רשות על גופו כלל להכותו . .

. . ד.ה. איר ~~נאכגעבן און~~ ארויסהעלפן אין ~~אלע~~ **אירע** זאכן . .

. . און ~~דערמיט~~ ארויסהעלפן ~~בכל התוקף~~ אפילו על חשבון עצמו . .

. . און וויל ארויסגיין **(באופן דצניעות)** טאן אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, איז ~~א~~ זיכערע ~~זאך~~ אז דער מאן דארף מכבד זיין איר רצון . .

. . צו אן אשה זיינען דא הגבלות בנוגע לקיום המצוות ותלמוד תורה (~~נאר~~ . .

- ח -

"הלכות הצריכות להן כו' וכל מ"ע שאין הזמן גרמא וכל מצות לא תעשה כו'"[54] ~~און "צוו חכמים לא ילמד אדם את בתו תורה כו'"[54]~~ אבער ~~דאס איז ניט~~ בנוגע לענייננו: ווארום נשים זיינען ~~אויך~~ מחוייב אין לימוד תורת החסידות[55] ווא~~ס~~ רעדט וועגן ידיעת ה', ואהבתו ויראתו וכו' - שגם הנשים מחוייבות בהן[56], און זיינען אויך מחוייב אין כללות הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה[57].

וכידוע אויך בזכרונות כ"ק מו"ח אדמו"ר דער גודל הכבוד וואס מ'האט אפגעגעבן לנשי ישראל ביחס ללימוד התורה שלהם וכו'[58].

ובפרט אז בזכות עבודת הנשים דוקא וועלן אלע אידן (אויך די אנשים) ארויסגיין פון גלות, דארפן די אנשים זיכער זיי ארויסהעלפן אין אזא וויכטיקע עבודה.

י. בכדי נאכמער צוגעבן אין די החלטות טובות און די עבודה בפועל וואס וועט ארויסקומען פון דעם כינוס של בנות ישראל - וועט מען אין דעם משתף זיין כל המתוועדים כאן דורך געבן א דבר גשמי - די מזונות פון דער התוועדות.

ויהי רצון אז דער כינוס זאל זיין בהצלחה רבה ומופלגה, און מ'זאל אננעמען פאסיקע החלטות בהתאם להנ"ל אין אויספירן דעם תפקיד קדוש פון נשי ובנות ישראל.

און דורך דעם וואס די נשי ובנות ישראל וועלן אויספירן זייער שליחות, וועלן זיי ~~טאקע~~ ברענגען די גאולה, וואס דעמולט וועלן זיין די "נישואין" בין הקב"ה וכנסת ישראל[59], שלימות הגילוי פון דירה בתחתונים, און ס'וועט דעמולט נתגלה ווערן מעלת הנשים[60] (כנס"י) - "נקבה תסובב גבר"[61], און "מהרה[62] ישמע כו' קול חתן (און אויך) וקול כלה".

במהרה בימינו ממש, ובשמחה ובטוב לבב.

------- * -------

. . ~~און "צוו חכמים לא ילמד אדם בתו תורה כו'"~~ אבער ~~דאס איז ניט~~ **ב**נוגע לעניננו, **מעינות התורה, תורת החסידות**[*54] - ווארום נשים זיינען ~~אויך~~ מחוייב אין לימוד החסידות וווא~~ס~~**עלכע** רעדט וועגן ידיעת ה', ואהבתו ויראתו וכו' - שגם הנשים מחוייבות בהן, און זיינען ~~אויך~~ מחוייב אין כללות הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה . .

. . גודל הכבוד וואס מ'האט אפגעגעבן לנשי ישראל ביחס ללימוד התורה שלה~~ם~~**ן** וכו' . .

ס"י

. . דורך געבן א דבר גשמי - די מזונות **( - לקח)** פון דער התוועדות . .

. . וועלן זיי ~~טאקע~~ ברענגען **און צואיילען** די גאולה . .

. . און ס'וועט דעמולט נתגלה ווערן **גודל** מעלת הנשים . .

---

**[*54] כלשון הבעש"ט באגה"ק שלו הידועה (נדפסה . . ) כשיפוצו מעינותיך.**

1) ראה כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סקכ"א ואילך. ועוד.

2) כתורת אדה"ז הידועה – "היום יום" ב חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך. ועוד.

3) ראה זח"ב סג, ב. פח, א.

4) ובכללות יותר – כל ספר שמות הוא ענין כללי: בתחלת הספר (פ' שמות, וארא, בא, בשלח) מסופר ע"ד גלות ויציאת מצרים, ענין כללי בתורה ובעבודת ה' [נוסף לזה ש"בהוציאך את העם ממצרים" הוא הכנה ל"תעבדון את האלקים על ההר הזה" (מתן תורה)]; פ' יתרו ומשפטים – מ"ת; פ' תרומה, תצוה, כי תשא, ויקהל, פקודי – משכן. ביאור סדר זה בפרשיות – ראה לקו"ש ח"ג ע' 908 ובהערה 43.

*4) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סי' ס ס"ד.

5) תורה מלשון הוראה – ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית בשם הרד"ק. ובזח"ג נג, ב: אמאי איתקרי תורה בגין דאורי.

6) תנחומא וארא טו (באבער – כ). שמו"ר פי"ב, ג. 7) ראה רמב"ן ריש פרשתנו. ועוד.

8) ריש פרשתנו. 9) פרש"י (ממכילתא) עה"פ.

10) וראה לקו"ש ח"ג ע' 900–901. ע' 907–908. חט"ז ע' 257 ובהערה 40.

11) ראה שמו"ר פ"ל, ה (הובא ונת' באוה"ת פרשתנו ע' א'עז–א'עח). וראה גם ד"ה ואלה המשפטים תשל"ח סוף ס"ב. ס"ח.

*11) קידושין בסופה.

12) תו"א פרשתנו עד, ג ואילך. סה"מ תקס"ה ע' רמז ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות דין עבד עברי. וראה שם בסופו. ועוד.

13) ועפ"ז מובן מ"ש "ואלה המשפטים גו' כי תקנה עבד עברי גו'" מיד לאחר פרשת מ"ת, כי בעבודת עבד עברי מתבטאת התחלת עבודת האדם לאחר מ"ת – לברר ולזכך גשמיות העולם ולעשותו לדירה לו ית' (ראה לקו"ש חט"ז ע' 257). ואף שעבד עברי בפשטות הכתובים הוא היפך תוכן מ"ת (שלא שמע לציווי ה' דלא תגנוב ולי בנ"י עבדים) – ראה לקמן הערה 31.

עוד ביאורים בסמיכות הפרשיות – ראה ראב"ע, רמב"ן, אברבנאל, לק"ט עה"פ. הביאור בזה ע"ד הפשט – בלקו"ש חט"ז ע' 255 ואילך.

14) נדפס בתו"ח שמות עא, ב ואילך. עם הגהות (ושינויים קלים) באוה"ת פרשתנו ע' א'קכז ואילך. וראה דרך חיים שער התפלה פס"ו ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות יעוד או פדיון אמה עבריה (פג, ב ואילך). ד"ה מצה זו תער"ב. ועוד.

15) אוה"ת שם.

16) והוא דבר בלתי רגיל כלל שהצ"צ ישתמש בתוארים ~~כאלו על~~ דרושי אדה"ז. ~~וצע"ק מהזהירות לומר~~

4) . . [**ודוגמת כל הגליות שנקראות ע"ש מצרים (  ) -** נוסף לזה ש"בהוציאך את העם ממצרים" הוא הכנה ל"תעבדון את האלקים על ההר הזה" (מתן תורה)] . .

. . משכן **והמשכו כל ביהמ"ק (רמב"ם הל' ביה"ב בתחלתו)** . .

*[לצד הערה 16 ציינו המניחים סימני-שאלה. כ"ק אדמו"ר שליט"א מחק את סימן-השאלה הראשון, ותיקן כדלהלן]*

16) והוא ~~דבר~~ בלתי רגיל כלל שהצ"צ **יכנס** וישתמש בתוארים ~~כאלו על~~ **בנוגע** דרושי אדה"ז. ~~וצע"ק מהזהירות לומר שמועה זו נאה כו' (עירובין סד, א)~~.

2

~~שמועה זו נאה כו' (עירובין סד, א).~~

17) נח, ה. 18) ראה רמב"ם ריש הל' ביהב"ח. וראה לקו"ש חט"ז ע' 302 ואילך. וש"נ.

*18) תניא רפל"ו.

**18) ובתחלת ספר שמות (עד פ' יתרו) מסופר ע"ד גלות ויצי"מ - בתור הקדמה והכנה למתן תורה (לקו"ש ח"ג ע' 908).

19)

*19) ובפרטיות - עבודת העבד (בפ' משפטים) תוכנה - עשיית משכן <u>פרטי</u> לה' בביתו ועבודתו הפרטיים; ועשיית המשכן (בפ' תרומה) - משכן <u>הכללי</u> בעולם (כדלקמן הערה 43).

20) ראה ב"ר פע"א, ב. זח"א קנד, א. אוה"ת נ"ך ח"ב ע' תתעא ושם ע' תתנח ואילך.

*20) יבמות סג, א (ובפרש"י).

21) ומעלת נשי ישראל מודגשת גם <u>ביצי"מ</u> (הבאה לפני ובהקדמה לג' פרשיות וענינים אלו, כנ"ל הערה 4.

**18) כי בזכות <u>נשים</u> צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים, כדלקמן בפנים.

*21) יתרו יט, ג. 22) מכילתא ופרש"י עה"פ. 23) מכילתא שם. ועד"ז בפרש"י.

24) ויקהל לה, כב. 25) רמב"ן עה"פ. ועוד.

26) לנשי ובנות ישראל בעת ביקורו בריגא יב-כ אדר תרצ"ד (לקו"ד ח"א תקעא, ב ואילך).

27) להעיר מקידושין לה, סע"א.

28) כידוע שעבודת האדם צ"ל כמו בחי' עבד לה' - כמ"ש (בהר כה,נה) "כי לי בנ"י <u>עבדים</u>", "אם <u>כעבדים</u>" (פיוט היום הרת עולם). ועוד. וראה תניא פמ"א (נז, א) "שכל אדם צ"ל בשתי בחי' ומדרגות...בחי' <u>עבד</u> ובחי' בן". וראה המשך תרס"ו ע' קנז. ע' שט ואילך. וראה הערה 30.

29) "כי ימכור איש דא קוב"ה את בתו דא נשמתא קדישא (ישראל) לאמה למיהוי אמה משתעבדא בינייכו בהאי עלמא" (זהר <u>פרשתנו</u> צו, סע"ב. וראה שם צד, ב), וכשיורדת הנשמה בגוף נק' אמה (תקו"ז בסוף התיקונים תיקון ז (הובא באוה"ת פרשתנו ע' א'עס)).

30) ובכללות - ירידת הנשמה היא מעולם האצילות לעולמות בי"ע, דכשהנשמות היו בעולם האצילות קודם ירידתן בבי"ע נק' בנים לה' או בתי (ברתא דמלכא), וכשירדו לבי"ע שנעשו יש ודבר נפרד נק' עבדים או אמה (אוה"ת שם ע' א'קלט-מ. וראה המשך תרס"ו שם).

31) ומה שעבד ואמה בפשטות הכתובים קאי על עבד ואמה <u>לבן אדם</u> (עבד לעבדים) ולא עבד <u>להקב"ה</u>, ואדרבא - בפשטות הרי"ז ~~דבר~~ מצב של חסרון הבא ע"י מכירת ב"ד בגניבתו או ע"י מכירת עצמו, <u>היפך</u> מעבד לה' [שלכן רוצעים את אזנו - כי "אזן זאת ששמעה על ה"ס לא תגנוב והלך וגנב תרצע", ~~וגם~~ ועכ"פ - במוכר עצמו - "אזן ששמעה על ה"ס כי לי בנ"י עבדים ולא עבדים לעבדים והלך זה וקנה אדון לעצמו" (מכילתא ופרש"י פרשתנו כא,ו)] -

31) . . ואדרבא - בפשטות הרי״ז ~~דבר~~ **מצב** של חסרון הבא ע״י מכירת ב״ד בגניבתו או ע״י מכירת עצמו, <u>היפך</u> מעבד לה׳, [שלכן רוצעים את אזנו - כי ״אזן ששמעה על ה״ס לא תגנוב והלך וגנב תרצע״, ~~וגם~~ **ועכ״פ -** במוכר עצמו . .

3

הנה גם פרט זה (עבדים לעבדים) ישנו בירידת הנשמה למטה בגוף וגשמיות העולם, כמבואר באוה"ת פרשתנו (ריש ע' א'קכח) שבחי' "עבדים" לה' הנרמזים בפרשה זו "ע"כ צ"ל שיש להם התקשרות בגשמיות ג"כ דאל"כ היו נק' בני חורין" ומ"ש כאן "עבד או אמה הוא <u>חסרון</u> שאינו בן חורין גמור" (ולא כמו "כי לי בנ"י עבדים" וצדיקים הגדולים הנק' עבדים - שהם עבדים למעליותא, עבד לה'), כי יש להן תאוות גשמיות וזהו "שעבוד לרשות אחר" (עבד לעבדים), לגשמיות העולם.

וע"י עבודתו בבירור וזיכוך הנה"ב והעולם נעשה בן חורין (מעבדותו לגשמיות) ונעשה רק עבד <u>לה' בלבד</u>, וזהו אמיתית ענין דבני חורין.

32) ראה דרושים הנ"ל (הערה 14) הביאור בג' דרגות אלו בתפלת כל יום.

33) גיטין יג, א. *33) ראה יבמות שבהערה *19 (נעתק לעיל בפנים).

34) שה"ש א, ס. שהש"ר עה"פ. 35) ראה פרשתנו כא, ז ואילך. 36) דרושים שבהערה 14.

36) סוטה יז,א.

*36) ראה לקו"ת שה"ש מ,א. ד"ה שמח תשמח תרנ"ז -סה"מ תרנ"ז ע' קעז ואילך. ובכ"מ.

*37) וראה דרך חיים שם פע"ז, העילוי באשה ובת לגבי אמה עברי' (גם בפשטות הענינים).

38) ו"אם רעה בעיני אדוני' אשר לא יעדה" - אז "והפדה", כמשנ"ת בדרושים הנ"ל. אלא שבזה גופא הסדר הוא שמצות יעידה קודמת למצות הפדי' (בכורות יג,א. רמב"ם הל' עבדים פ"ד ה"ז), כי תכלית השלימות היא - יחוד זו"ן, חתן וכלה.

*38) רמב"ם שם הי"א.

39) שם ה"ג. *39) פרשתנו כב, ב.

40) ואין בית דין מוכרים את האשה בגניבתה (סוטה כג, ב. רמב"ם הל' גניבה פ"ג הי"ב).

וגם בנוגע למכירת עצמו - אין אשה יכולה למכור את עצמה לאמה (מכילתא משפטים כא, ז. רמב"ם הל' עבדים פ"א ה"ב).

41) רמב"ם שם ה"ב. - המקורות - נסמן באנציקלופדי' תלמודית ערך אמה העברי' ע' לא הערות 47-49.

42) שם ה"ה.

43) ולהעיר שגם המשכן (ושכנתי בתוכם) הו"ע של יעוד - <u>ונועדתי</u> לך שם (תרומה כה,כב), <u>אועד</u> לכם שמה (תצוה כט,מב) - ראה אוה"ת שם ע' א'קמב. וכן במ"ת הי' יעוד (יחוד) הקב"ה וכנס"י - יום חתונתו זה מ"ת.

ויש לומר החילוק ביניהם (וסדר ג' פרשיות אלו): פ' יתרו (מ"ת) - יעוד מלמעלמ"ט; פ' משפטים (יעוד אמה העברי') - יעוד מלמטלמ"ע, ע"י עבודת האדם (יחוד איש ואשה) במשכן הפרטי; פ' תרומה - יעוד במשכן הכללי, בעולם, חיבור ב' הקוים השראת השכינה למטה (מלמעלמ"ט) במקום המשכן שנעשה ע"י עבודת האדם (מלמטלמ"ע).

43) . . פ' תרומה - יעוד במשכן ***הכללי***, בעולם, חיבור ב' הקוים . .

4

44) ולהעיר גם שסיום הכינוס הוא בא' דראש חודש אדר – השייך במיוחד לנשי ובנות ישראל כידוע שנשים משמרות ראש חודש יותר מן האנשים (פדר"א פמ"ה. הובא בטור או"ח סתי"ז. ועוד). וראה לקו"ש ח"ח ע' 315 ואילך ובהנסמן שם. וראה בהנסמן לקמן הערה 45.

45) סוטה יא, ב. שמו"ר פ"א, יב. 46) במדב"ר פ"ג, ו.

47) ראה יל"ש רות רמז תרו בסופו (ממדרש זוטא רות): אין הדורות נגאלים אלא בשכר נשים צדקניות שיש בדור.

48) שער הגלגולים הקדמה כ. ל"ת וספר הליקוטים (להאריז"ל) שמות ג, ד.

49) להעיר ממאמרי אדה"ז ענינים (ע' שפג ואילך. ע' שפד ואילך. ועד"ז באוה"ת תשא ע' א'תתקפה ואילך) ד"ה ענין ר"ח שהוא י"ט של נשים שמשמרות אותו יותר מהאנשים משום שלא רצו ליתן נזמיהן לבעליהן במעשה העגל – שנשים מרגישים יותר מאנשים איך שאין ממש במזלות ושרים דלמעלה כו'.

50) יבמות סב, סע"ב. רמב"ם הל' אישות פט"ו הי"ט. וראה ב"מ נט, סע"א. שו"ע אדה"ז חו"מ הל' אונאה סל"ב.

51) שו"ע אדה"ז שם. הל' נזקי גוף ונפש ודיניהם ס"ד.

52) רמב"ם הל' רוצח ושמירת נפש פ"א ה"ד. רדב"ז הל' סנהדרין ספי"ח.

53) בראשית ב, יח. יבמות שם.

54) הל' ת"ת לאדה"ז ספ"א. וראה גם ספר חסידים סי' שיג. ב"י או"ח סמ"ז. רמ"א יו"ד סרמ"ו ס"ו. ועוד.

55) ראה גם אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' תסח ואילך. ח"ד ע' קפו ואילך. ח"ה ע' שלו ואילך. ועוד.

56) "שחיובן תמידי כו'" – אגרת המחבר בהקדמת ספר החינוך.

57) נוסף לזה שיש לה שכר כשלומדת הלכות שאינן צריכות להן – הל' ת"ת שם. וראה משיחת אחש"פ מ' תשד"מ ס"ז.

57) . . וראה משיחת אחש״פ כב׳ תשד״מ ס״ז.

# הגהה שני׳



בס״ד. משיחת ש״פ משפטים,
מבה״ח אדר ראשון, ה׳תשמ״ו

א. דעם שבת קומט פאר א כינוס פון בנות ישראל, וועלכער האט זיך אנגעהויבן בערב שבת קודש, און ווערט פארגעזעצט אין דעם שבת, און דערנאך ביום ראשון וואס נאך שבת.

וויבאלד אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית¹, איז פארשטאנדיק, אז דער כינוס איז פארבונדן (בתוכן הענינים) מיט דער צייט ווען ער קומט פאר, צום אלעם ערשטן — מיט דער (פרשה אין) תורה פון דער צייט [וואס דערמיט דארף מען לעבן אין דער צייט², ד.ה. אז דאס באלעבט און גיט ארויס דער תוכן העבודה פון יעדן אידן אין דער באטרעפנדער צייט], ובעניננו — וויבאלד אז דער כינוס קומט פאר במשך כמה ימים — מיט דריי פרשיות בתורה: פ׳ יתרו — וואס משבת פ׳ יתרו מתברך יום השישי (התחלת הכינוס), פ׳ משפטים — די פרשה פון דעם שבת (המשך הכינוס), און פ׳ תרומה — די פרשה פון יום ראשון (סיום הכינוס).

ב. די ערקלערונג אין דעם — ובהקדמה:

כאטש יעדער פרט אין תורה איז, וועלבסטפארשטענדלעך, אן ענין יסודי וכללי ונצחי בכל התורה כולה ובכל עניני יהדות, פונדעסטוועגן זעט מען אז געוויסע פרשיות אין תורה רעדן מער בגלוי וועגן ענינים כלליים ויסודיים.

צווישן זיי זיינען די פרשיות שבתורה פון אט די וואכן (מיט וועלכע דער כינוס איז פארבונדן) — פ׳ יתרו, פ׳ משפטים און פ׳ תרומה³.

אין פ׳ יתרו ווערט דערציילט וועגן מתן תורה — וואס איז דער כלל ויסוד פון כל התורה והיהדות: בשעת מתן תורה האט דער אויבערשטער אויסגעקליבן אידן אלס זיינעם א פאלק⁵, און האט זיי דעמולט אפגעגעבן כל התורה כולה וועלכע איז דער וועג־ווייזער⁶ פאר דער הנהגה פון אידן און פון כל

1) ראה כש״ט (הוצאת קה״ת) הוספות סקכ״א ואילך. ועוד.

2) בתורת אדה״ז הידועה — ״היום יום״ ב חשון. ס׳ השיחות תש״ב ע׳ 29 ואילך. ועוד.

3) ראה זח״ב סג, ב. צח, א.

4) ובכללות יותר — כל ספר שמות הוא ענין כללי: בתחלת הספר (פ׳ שמות, וארא, בא, בשלח) מסופר ע״ד גלות ויציאת מצרים, ענין כללי בתורה ובעבודת ה׳ ודוגמה כל הגליות שנקראות ע״ש מצרים (ב״ר פט״ז, ד) — נוסף לזה ש״בהוציאך את העם ממצרים״ הוא הכנה ל״תעבדון את האלקים על ההר הזה״ (מתן תורה); פ׳ יתרו ומשפטים — מ״ת; פ׳ תרומה, תצוה, כי תשא, ויקהל, פקודי — משכן והמשכן כל ביהמ״ק (רמבים הל׳ ביהב״ח בתחלתן). ביאור סדר זה בפרטיות — ראה לקו״ש ח״א ע׳ 306 הערה 13.

5) ראה שו״ע אדה״ז או״ח סי׳ ס ס״ד.

6) תורה מלשון הוראה — ראה רד״ק לתהלים יט, ח. ס׳ השרשים שלו ערך ירה. גו״א ר״פ בראשית בשם הרד״ק. ובזח״ג נג, ב: אמאי איתקרי תורה בגין דאורי.

*כותרת השיחה*

בס״ד. משיחת ש״פ משפטים, מבה״ח ועו״ח אדר ראשון, ה׳תשמ״ו ~~(ועוד)~~

*ס״ב*

. . אן ענין יסודי וכללי ונצחי ~~ב~~בכל התורה כולה . .

4) . . משכן והמשכו, כל ביהמ״ק . .


העולם בילו עד סוף כל הדורות. און מתן תורה (ווען ס'איז בטל געווארן די גזירה פון תחתונים לא יעלו לעליונים און עליונים לא ירדו לתחתונים[7]) האט אריינגעגעבן דעם כח אין אידן און אין דער בריאה אז דורך תומ"צ זאל מען אויפטאן דעם בירור וזיכוך און אריינברענגען קדושה אין די דברים גשמיים פון וועלט, און מאכן א דירה לו ית' בתחתונים.

פ' משפטים איז א פארזעצונג צו די עשרת הדברות שבמתן תורה (בפ' יתרו)[8] — ווי עס שטייט "ואלה המשפטים גו'", "כל מקום שנאמר כו' ואלה מוסיף על הראשונים, מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני"[9]. און דערצו: בכיום הפרשה[10] רעדט זיך וועגן מתן תורה; ובפשטות: פרשת משפטים איז די ערשטע פרשה נאך מ"ת, אין וועלכער עס רעדט זיך באריכות וועגן דינים ומצוות וואס זיינען פארבונדן מיט דברים וענינים גשמיים וואס תוכנם איז — בירור וזיכוך גשמיות העולם[11] און מאכן א דירה לו ית' בתחתונים.

ובפרטיות יותר: דער ערשטער דין פון "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" איז "כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם", וואס אין דעם שפיגלט זיך אפ כללות עבודת האדם[12] (במשך כל ימי חייו, ובכללות — במשך שית אלפי שנין דהוה עלמא) לשמש את קונו[13] (כמבואר בחסידות[14]) בבירור וזיכוך הגוף והעולם ע"י תומ"צ, אז זיי זאלן ווערן א דירה לו ית' (וואס דער כח ויכולת לזה איז געגעבן געווארן בא מ"ת)[15], כדלקמן (סעיף ד).

און דאס גופא טיילט זיך (מער בפרטיות) אין דריי דרגות — עבד כנעני, עבד עברי און אמה העבריה, כמבואר אין דעם דרוש הידוע פון דעם אלטן רבי'ן[16] [וועלכן דער צ"צ רופט אן[17] "דרוש נכבד מאד"[18]] די דריי

7) תנחומא וארא טו (באבער — כב). שמו"ר פי"ב, ג.

8) ראה רמב"ן ריש פרשתנו. ועוד.

9) ריש פרשתנו.

10) פרש"י (ממכילתא) עה"פ.

11) וראה לקו"ש ח"ג ע' 900 ואילך. ע' 906־908. חט"ו ע' 257 ובהערה 40.

12) ראה שמו"ר פ"ל, ה (הובא ונת' באוה"ת פרשתנו ע' א'ערא'ערב). וראה גם ד"ה ואלה המשפטים תשל"ח ס"ב. ס"ח.

13) קידושין בסופה.

14) תו"א פרשתנו עד, ג ואילך. סה"מ תקס"ה ע' רמז ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות דין עבד עברי. וראה שם בסופו. ועוד.

15) ועפ"ז מובן מ"ש "ואלה המשפטים גו' כי תקנה עבד עברי כו'" מיד לאחר פרשת מ"ת, כי בעבודת עבד עברי מתבטאת התחלת עבודת האדם לאחר מ"ת — לברר ולזכך גשמיות העולם ולעשותו לדירה לו ית' (וראה לקו"ש חט"ו ע' 257). ואף שעבד עברי בפשטות הכתובים הוא (בזמן) תיכף מ"ת (שלא שמע לציווי ה' דלא תגנוב ולי בנ"י עבדים) — ראה לקמן הערה 40.

עוד ביאורים בסמיכות הפרשיות — ראה ראב"ע, רמב"ן, אברבנאל, (לקו"ט) עה"פ. הביאור בזה ע"ד הקבלה — בלקו"ש חט"ו ע' 257 ואילך.

16) נדפס בתו"ח שמות עא, ב ואילך. עם הגהות (ושינויים קלים) באוה"ת פרשתנו ע' א'קכו ואילך. וראה דרך חיים שער התפלה פס"ז ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות יעוד או פדיון אמה עבריה (סג, ב ואילך). ד"ה מצה זו תש"כ. ועוד.

17) אוה"ת שם.

18) והוא בלתי רגיל כלל שהצ"צ יכנס לתוארים בנוגע לדרושי אדה"ז.

. . און מאכן א דירה לו ית' <u>בתחתונים</u> . .

. . די ערשטע פרשה נאך מ"ת, אין וועלכער עס רעדט זיך באריכות . .

15) . . ראה ראב"ע, רמב"ן, אברבנאל, לקו"ט עה"פ . . *[סימן בעיגול תיבת "לקו"ט", ובצד הגליון כתב:]* ?

18) והוא בלתי רגיל שהצ"צ יכנס וישתמש בתוארים בנוגע למאמרי אדה"ז. *[תחלה נכתב "בלתי רגיל כלל", ועל תיבת "כלל" ציינו המניחים סימן שאלה. כ"ק אדמו"ר שליט"א מחק תיבת "כלל" וסימן-השאלה; תחלה נכתב "יכנס לתוארים", ותיקנו המניחים שיהי' כתוב "יכנס וישתמש בתוארים", ובצד הגליון כתבו סימן שאלה. כ"ק אדמו"ר שליט"א מחק את סימן השאלה; כמו"כ על כללות ההערה כתבו סימן שאלה, וכ"ק אדמו"ר שליט"א מחק זאת]*


מדריגות עבד כנעני, עבד עברי און אמה העבריי אין עבודת השם — בנפש האדם.

אין פ' תרומה רעדט זיך וועגן דעם משכן — "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"¹⁹ [וואס דערפון לערנט מען אפ²⁰ דעם ציווי אויף אלע בתי מקדשות, בית ראשון, שני ושלישי] — וואס איז אויך א כלל ויסוד אין אידישקייט. און אין דעם משכן איז נשלם געווארן די כוונה פון (מ"ת און עבודת עבד עברי כו') דירה בתחתונים — השראת השכינה אין א מקום גשמי בעולם.

זעט מען, אז די דריי פרשיות — יתרו, משפטים ותרומה — רעדן וועגן יסודות וכללים עיקריים בתורה ומצוות ויהדות, און — וועגן תכלית כל הבריאה²¹: לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און די פרשיות קומען אין איין המשך וסדר אין דער עבודה פון עשיית דירה לו ית' בתחתונים: בפ' יתרו²² רעדט זיך וועגן מתן תורה — ביטול הגזירה און די הכנה ונתינת כח מלמעלה אויף טאן די עבודה פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים; דערנאך קומט פ' משפטים וואו עס רעדט זיך וועגן עבודת העבד — התחלת עבודה זו בפועל, מצד המטה; דערנאך פ' תרומה — וועגן משכן, וואו עס ווערט נשל"ה די כוונה פון דירה בתחתונים, "ושכנתי בתוכם".

ובפרטיות — בעבודת כל יום והחיים: מ"ת איז דער ענין פון חינוך²³ בלימוד התורה וקיום המצוות, וואס דינט אלס הכנה ונתינת כח והוראה דורכצופירן די עבודה בפועל פון מאכן א דירה בתחתונים; עבודת העבד באדייט די שלימות העבודה און די פעולה בעוה"ז צו מאכן דארט א משכן ודירה לו ית' — אנהויבנדיק פון מאכן א משכן ודירה לו ית' מביתו הפרטי ומכל עניניו ומחלקו בעולם, כמ"ש "ושכנתי בתוכם", בתוך כאו"א, ביז — מאכן א משכן בכל העולם — א דירה לו ית' בתחתונים²⁴.

ג. ווי גערעדט פיל מאל האבן אידישע פרויען און טעכטער א הייליקע און קביעסט-וויכטיקע שליחות אין דורכפירן דעם אויבערשטנ'ס כוונה בבריאת העולם צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, וואס אין געוויסע הינזיכטן איז זייער ראלע נאך וויכטיקער און קומט פריער ווי די פון אידישע מאנסביל.

ווי מ'זעט עס בפשטות אין א בית ודירה פרטית (וואס אין דעם שפיגלט זיך אפ, כביכול, כללות הדירה לו ית' בתחתונים), אז די פרוי איז "עקרת הבית"²⁵, דער עיקר ויסוד פון דער

19) נח, ה.
20) ראה רמב"ם ריש הל' ביהב"ח. וראה לקו"ש חט"ז ע' 302 ואילך. ושי"נ.
21) תניא רפל"ו.
22) ובהתחלת ספר שמות (עד פי יתרו) מסופר ע"ד גלות ויצ"מ — בתור הקדמה והכנה למתן תורה (לקו"ש ח"ג ע' 908).
23) - - -
24) ובפרטיות — עבודת העבד (בפ' משפטים) מוכנה — עשיית משכן פרטי להי' בביתו ועבודתו הפרטית; ועשיית המשכן (בפ' תרומה) — משכן להי' בעולם (ברלקה: הערה 13).
25) ראה ב"ר פע"א, ב. זח"א לב, א. אוה"ת נ"ך ח"ב ע' תתצא ושב ע' תתנח ואילך.

. . די דריי מדריגות עבד כנעני, עבד עברי און אמה העבריי . .

. . השראת השכינה אין א מקום ~~גשמי~~ **ודברים גשמיים** בעולם . .

. . עבודת העבד באדייט די **(**שלימות ה**)**עבודה און די פעולה בעוה"ז . .

---

**22) שג' דרגות אלו ישנ~~ם~~**ן** גם במשכן עצמו . . *[על הערה זו ציינו המניחים סימן שאלה, וכ"ק אדמו"ר שליט"א מחק זאת]*

23) . . ירושלמי תענית פ"ד ה"ה. **ועוד**).

דירה, הן בנוגע להנהגה בענינים גשמיים בהבית והן בנוגע להנהגה בענינים רוחניים.

און אין די דריי ענינים ופרטים הנ"ל (בעשיית דירה בתחתונים): מתן תורה — דער ענין פון חינוך הבנים והבנות אנהייבנדיק פון קטנותם — זעט מען אז דאס הענגט אפ אינעם גרעסטן טייל און דאס איז די הויפט אויפגאבע פון דער אידישער פרוי. עבודת העבד — די עבודה פון דורכפירן בפועל די דירה לו ית' בגשמיות העולם — זעט מען אז די אשה נעמט די "חטים" און "פשתן" וואס דער בעל ברענגט אריין אין שטוב, און גרייט זיי צו פון דעם פשתן א בגד ללבוש און פון די חטים א מאכל אדם, פון וועלכן מ'באקומט חיות און כח צו לעבן און דינען דעם אויבערשטן, בלשון חז"ל[26] "אדם מביא חיטין חיטין כוסס פשתן לובש (בתמי'), נמצאת אשתו מאירה עיניו ומעמידתו על רגליו". משכן — מאכן פון שטוב א משכן לה' — זעט מען אז די אויפפירונג און דער אידישער גייסט פון הויז וועגדט זיך און הענגט אפ פון דער פרוי.

וואס דערפאר זעט מען אין די דריי אויבנדערמאנטע יסודות פון אידישקייט ועשיית דירה לו ית' (מ"ת, עבודת העבד, משכן[27]) — די מעלה פון נשי ובנות ישראל לגבי אנשים ובנים:

בא מתן תורה און בא נדבת המשכן ווערן נשים דערמאנט אין תורה פאר די אנשים:

די הקדמה צו מ"ת איז געווען[28] "כה תאמר לבית יעקב" — "אלו הנשים"[29], און ערשט דערנאך "ותגיד לבני ישראל"[28] — "אלו האנשים"[30]. אזוי אויך בא נדבת המשכן שטייט[31] "ויבואו האנשים על הנשים", פריער די נשים און דערנאך די אנשים[32].

און דער טעם אויף קדימת הנשים לאנשים (בא מ"ת און נדבת המשכן) איז (אויך) מצד זייער קדימה במעלה בעבודה זו, כנ"ל:

מ'זעט באשיינפערלעך אז אין געוויסע פרטים האט מען אנפארטרויט אידישע פרויען נאכמער און פריער פאר די מענער מיט דער הויפט אנפירונג אין די יסודות פון אידישקייט, מ"ת און עשיית המשכן, וואס זיי זיינען דעם ענין פון געבן קינדער א תורה־חינוך (מתן תורה) און מאכן פון דער שטוב (וחלקו בעולם — חטין ופשתן, כנ"ל) — א משכן לה' ("ושכנתי בתוכם") — בכלות הענין פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים, ווי ערקלערט אויספירלעך אין דער שיחה הידועה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[33].

26) יבמות סג, א (ובפרש"י).

27) ומעלת נשי ישראל מודגשת גם ביצי"מ (הבאה לפני ובהקדמה לג' פרשיות וענינים אלו, כנ"ל הערה 4. 22) בי בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים, כדלקמן בפנים.

28) יתרו יט, ג.

29) מכילתא ופרש"י עה"פ.

30) מכילתא שם. ועד"ז בפרש"י.

31) ויקהל לה, כב.

32) רמב"ן עה"פ. ועוד.

33) לנשי ובנות ישראל בעת ביקורו בריגא יב"ב אדר תרצ"ד (לקו"ד ח"א תקעא. כ ואילך).

4 (און אין)

. . הן בנוגע להנהגה בענינים **בה**גשמיים בהבית והן בנוגע להנהגה בענינים **ה**רוחניים . .

. . דאס הענגט אפ אינעם גרעסטן טייל**,** און דאס איז די הויפט אויפגאבע . .

. . און גרייט זיי צו **-** פון דעם פשתן . .

. . האט מען אנפארטרויט אידישע פרויען נאכמער **(**און פריער פאר די מענער**)** מיט דער הויפט אנפירונג . .

ד. אזוי אויך אין דער פרשה שבינתיים (פ' משפטים[34] שבין פ' יתרו לפ' תרומה) — דער דריטער ענין כללי פון עבודת העבד, און די דריי מדריגות עבד כנעני עבד עברי ואמה עבריה, וואס גייט אויף דער עבודה בפועל פון עשיית הדירה בתחתונים — זעט מען די מעלה און וויכטיקע שליחות פון נשי ובנות ישראל.

מ'האט פריער גערעדט אז אין עבודת העבד עברי שפיגלט זיך אפ כללות עבודת האדם לשמש את קונו אלס אן עבד לה'[35], והביאור:

דער כללות הענין פון מכירת ועבודת העבד ואמה עבריה[36] ברוחניות גייט אויף ירידת הנשמה בגוף בגשמיות העולם[37], מיט דער כוונה צו זיין אן עבד ואמה לה'[38] לשמש את קונו, לברר ולזכך גופו ונה"ב וחלקו בעולם ע"י תומ"צ, לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און די עבודה טיילט זיך בכללות אין דריי מדריגות בנפש האדם מלמטלמ"ע, מן הקל אל הכבד (הן בעבודתו בכל יום[39], הן בעבודתו במשך כל ימי חייו): עבד כנעני, עבד עברי, און די העכסטע מדריגה (שלימות העבודה) איז אמה עבריה:

„עבד כנעני" גייט אויף תחלת העבודה (אתכפיא), ווען די נפש הבהמית איז נאך בתקפה, עבדא בהפקרא ניחא ליה[40], און ציט זיך למטה צו תאוות עוה"ז, נאר ער (דער „עבד כנעני") איז כופה עצמו און איז עובד ה' במעשה בפועל ממש בסור מרע ועשה טוב מצד קבלת עול ואימת האדון.

34) להעיר מקידושין לה, סע"א.

35) כידוע שעבודת האדם צ"ל כמו בחי' עבד לה' — במ"ש (בהר כה, נה) „כי לי בנ"י עבדים", „אב (ו)עבדים" (פיוט היום הרת עולם). ועוד. וראה תניא פמ"א (נז, א) „שכל אדם צ"ל בשתי בחי' ומדרגות . . בחי' עבד ובחי' בן". וראה המשך תרס"ו ע' קנג. ע' שט ואילך. וראה הערה 37.

36) „כי ימכור איש דא קוב"ה את בתו דא נשמתא קדישא (ישראל) לאמה למיהוי אמה משתעבדא בינייהו בהאי עלמא" (זהר פרשתנו צג, סע"ב. וראה שם צד, ב). ובשירדת הנשמה בגוף נק' אמה (תקו"ז בסוף התיקונים תיקון ז (הובא באוה"ת פרשתנו ע' איעט)).

37) ובכללות — ירידת הנשמה היא מעולם האצילות לעולמות בי"ע, דבשהנשמות הי' בעולם האצילות קודם ירידתן בבי"ע נק' בנים לה' או בחי' (ברתא דמלכא), וכשירדו לבי"ע שנעשו יש ודבר נפרד נק' עבדים או אמה (אוה"ת שם ע' איקלט־מ. וראה המשך תרס"ו שם).

38) ומה שעבד ואמה בפשטות הכתובים קאי על עבד ואמה לבן אדם (עבד לעבדים) ולא עבד להקב"ה, ואדרבא — כפשטות הרי"ז מצב של חסרון הבא ע"י מכירת ב"ד בגניבתו או ע"י מכירת עצמו, היפך מעבד לה', [שלכן רוצעים את אזנו — כי „אזן זאת ששמעה על ה"ס לא תגנוב והלך וגנב תרצע", ועכים — במוכר עצמו — „אזן ששמעה על ה"ס כי לי בנ"י עבדים ולא עבדים לעבדים והלך זה וקנה אדון לעצמו" (מכילתא ופרש"י פרשתנו כא, ו)] —

הנה גם פרט זה (עבדים לעבדים) ישנו בירידת הנשמה למטה בגוף וגשמיות העולם, כמבואר באוה"ת פרשתנו (ריש ע' איקבח) שבחי' „עבדים" לה' הנרמזים בפרשה זו „עכ"ז צ"ל שיש להם התקשרות בגשמיות כ"כ דאל"כ היו נק' בני חורין" ומ"ש כאן „עבד או אמה הוא ווזון שאינו בן חורין גמור" (ולא כמו „כי לי בנ"י עבדים" וצדיקים הגדולים הנק' עבדים — שהם עבדים למעליותא, עבד לה'), כי יש להן תאוות גשמיות וזהו „שעבוד לרשות אחרי" (עבד לעבדים), לגשמיות העולם.

וע"י עבודתו בבירור וזיכוך הנה"ב והעולם נעשה בן חורין (מעבדותו לגשמיות) ונעשה רק עבד לה' לבדו, וזהו אמיתית ענין דבני חורין.

39) ראה דרושים הנ"ל (הערה 16) הביאור בג' דרגות אלו בתפלת כל יום.

40) גיטין יג, א.

. . וואס גייט אויף דער עבודה <u>בפועל</u> פון עשיית הדירה בתחתונים . .

38) . . ונעשה ~~רק~~ עבד <u>לה' בלבד</u>, וזהו אמיתית ענין דבן חורין.

„עבד עברי" איז א העכערע דרגא כעבודה: ביי אים זיינען שוין מאיר די מדות פון נפש האלקית אין נפש הבהמית, ביז אז אויך ביי דער נה"ב איז דא א תשוקה לה': זי איז אבער נאך ניט נתהפך געווארן לקדושה, אז ער זאל ניט האבן קיין חמדה צו תאוות עוה"ז. ע"ד ווי אן עבד וואס ברענגט אריין אין הויז אלע הצטרכויות פון די בני בית אכילה ושתי': זיי זיינען נאך אבער ניט ראוי לאכילת אדם — זיי זיינען נאך ניט גע־קאכט אין געבאקט, ניט געענדערט פון זייער פריערדיקן מהות.

די עבודה פון „אמה עברי" איז וואס די תאוות ומדות פון נה"ב ווערן נתהפך לקדושה (אתהפכא) ביז אז זיין תשוקה איז נאר צו אלקות. ע"ד ווי די עבודה פון אן אמה עברי' כפשוטה, וואס איר עיקר עבודה באשטייט (ניט אין ארויס־גיין שאפן די פראדוקטן פאר אכילה ושתי', נאר) פון בישול ואפיית המאכלים וואס מאכט זיי איבער פון אומהות גשמי צו דברים הראויים לאכילה — מאכלים ערבים ומתוקים⁴¹, במ"ש⁴² „רעיתי — מפרנסתי", ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים.

ד

ביז אז עס ווערט די תכלית ושלימות פון אן אמה העברי' — מצות יעוד אמה העברי' (לו אדער לבנו)⁴³, וואס דער־מיט ווערט זי. אוים אמתו און זי ווערט אשתו — יחוד איש ואשה, וואס דער־מולט (בשעת „איש ואשה זכו" איז „שכינה ביניהן"⁴⁴, והתכלית — הולדת בנים, גילוי כח הא"ס למטה⁴⁵.

וברוחניות⁴⁶ — די עלי' פון דער נשמה שהוא בעולם הבריאה (בחי' אמה עברי') אין עולם האצילות, וואס דער־מולט ווערט זי אוים אמה און זי ווערט נתעלה לבחי' כלה" (מלכות דאצילות), די עבודה בבחי' כלות הנפש, וואס דער־מיט ווערט תכלית הבירור והאתהפכא פון דעם גוף וגשמיות העולם (אז אויך בחי' נוגה, וואס איז דא ביי אן אמה בדקות ווערט נתברר ונתהפך לקדושה⁴⁷): אין עס ווערט דער יחוד (יעוד) פון כנס"י (אידן) מיטן אויבער־שטן, יחוד חתן וכלה (ז"א ומלכות), ועי"ז ווערט גילוי כח הא"ס למטה (א הולדה חדשה) — די שלימות פון דירה לו, לעצמותו, ית' בתחתונים.

ה. נאכמער:

דער דין איז, אז „אין אמה העברי' נמכרת אלא למי שיש לה עליו או לבנו קידושין כדי שתהא ראוי' ליעוד"⁴⁹ (ועד"ז אינה נמכרת בפרוטה „מפני שצריך לקנותה בדמים שראויין לגרעון כדי שתגרע פדיונה ותצא"⁵⁰), ד.ה. אויב

26/

41) ראה יבמות שבהערה 42 (נעתק לעיל בפנים).

42) שה"ש א, ט. שהש"ר עה"פ.

43) ראה פרשתנו כא, ז ואילך.

44) סוטה יז, א.

45) ראה לקו"ת שה"ש ס, א. ד"ה שמח תשמח תרנ"ז — (סה"מ תרנ"ז ע' קצ' ואילך) ובכ"מ.

46) ודרושים שבהערה 11.

47) וראה דרך חיים שם פע"ז, העילוי באשה וכו' לגבי אמה עברי' (גם בפשטות הענינים).

48) „אם רעה בעיני אדוני' אשר לא יעדה" — אז „והפדה", כמשנ"ת בדרושים הנ"ל. אלא שבזה גופא הסדר הוא שמצות יעידה קודמת למצות הפדי' (בכורות יג, א. רמב"ם הל' עבדים פ"ד ה"ח), כי תכלית השלימות היא — יחוד זו"נ, חתן וכלה.

49) רמב"ם שם ה"א.

50) שם ה"ג.

. . שאפן די ~~פראדוקטן~~ **זאכען** פאר אכילה ושתי' . .

. . וואס מאכט זיי איבער פון א **"גראבן"** מהות ~~גשמי~~ צו דברים הראויים לאכילה . .

*[על התיבות "רעיתי - מפרנסתי", על האות מ ציינו המניחים (בהמשך להגהה הראשונה) בצד הגליון למדרש ולכ"מ בדא"ח. כ"ק אדמו"ר שליט"א ציין "**41***" אצל תיבת "מפרנסתי", ואצל מה שכתבו בצד הגליון]*

מ'ווייסט אז מ'וועט ניט קענען מיעד זיין (אדער פודה זיין) די אמה — טאר מען איר לכתחילה ניט פארקויפן, ווארום דער תכלית איז — יעוד האמה.

זעט מען דערפון דעם גודל העילוי און כבוד וואס מ'גיט אפ דוקא צו א בת ישראל:

בכדי צו פארקויפן א עבר לעבדות איז גענוג — "אם אין לו ונמכר בגנבתו", און דערביי שטעלט מען ניט קיינע אנ־דערע תנאים;

משא"כ בנוגע א בית בישראל, וואס איר פאטער מעג איר פארקויפן אלס אן אמה העבריי, שטעלט מען א תנאי אז אויב מ'וועט איר ניט קענען מייעד (אדער פודה) זיין, טאר ער איר מלכתחילה ניט פארקויפן.

דאס הייסט, אז אע"פ וואס דער פאטער איז אן עני (ולא מצא מה יאכל) ולא נשאר לו כלום לא קרקע ולא מטלטלין ואפילו כסות שעליו — וואס דוקא דעמולט מעג ער פארקויפן זיין טאכטער' לזמן קצר בכדי זי זאל ארויסהעלפן בפרנסה [ווארום אייב ניט צוליב דעם טעם — וועלכער פאטער וועט דען פארקייפן זיין טאכטער?!], און אע"פ וואס בלאו הכי איז אן אמה העבריי יוצאת בסימנים וכו' (וואס דאס איז אויך א מעלה שבה לגבי אן עבד) — פונדעסטוועגן, איז דאס נאך ניט גענוג טעם אז מ'זאל איר מעגן פארקויפן, און מ'דארף דערצו אנקומען אז מ'זאל איר קענען מייעד זיין. ווארום אין א בת בישראל דארף מען זען בגלוי דעם תכלית אירן — יעוד (אדער פדיית) האמה, דער ענין החתונה ובנין בית (דירה) בישראל.

דערפון איז אייך מובן בנוגע לאמה העבריי בשרש ורוחניות הענינים: דער "כי ימכור איש את בתו לאמה", ירידת הנשמה בגוף, קען לכתחילה ניט זיין סיידן אז מ'זעט גלייך בתחלת הירידה דעם תכלית הירידה, וואס זי איז צורך עלי' — יעוד (אדער פדיון) האמה, דער יחוד פון הקב"ה וכנס"י — שלימות פון דער דירה לעצמותו ית' בתחתונים.

ו. ע"פ הנ"ל איז מובן ווי אויך אין דעם ענין כללי בעבודת ה' שבפ' משפטים (עבודת העבד — די דינים וועגן עבד ואמה העבריי) ברענגט זיך ארוים די מעלה פון עבודת נשי ובנות ישראל אין עבודת ה': די שלימות העבודה פון דער נשמה דא למטה (כללות ענין דעבד ואמה) לעשות לו ית' דירה בתחתונים בכל הדרגות הנ"ל דריקט זיך אוים דוקא אין אן אמה העבריי (א בת בישראל), די עבודה פון אתהפכא — מהפך זיין די מדות פון נה"ב און עניני העולם בכלל לקדושה, אז זיי זאלן ווערן א דירה לו ית'. און דוקא בא דער אמה עבריי (משא"כ ביי אן עבד, א מאנסביל) דריקט זיך אוים שלימות העבודה — יעוד האמה, יחוד

51) פרשתנו כב, ב.

52) ואין בין דין מוכרים את האשה בגניבתה (סוטה כג, ב. רמב"ם הל' גניבה פ"ג הי"ב).

וגם בנוגע למכירת עצמי — אין אשה יכולה למכור את עצמה לאמה (מכילתא משפטים כא, ז. רמב"ם הל' עבדים פ"א ה"ב).

53) רמב"ם שם הי"ב. — המקורות — נסמנו באנציקלופדי' תלמודית ערך אמה העבריי ע' לא הערות 17־19.

54) שם ה"ה.

. . טאר מען איר **מ**לכתחילה ניט פארקויפן . .

. . משא"כ בנוגע א בת בישראל, **במצב** וואס איר פאטער מעג איר פארקויפן . .

. . און מ'דארף דערצו ~~אנקומען~~ **זיין זיכער** אז מ'זאל איר קענען מייעד זיין . .

. . קען **מ**לכתחילה ניט זיין סיידן אז . .



זו״ן (הקב״ה וכנס״י) — דירה לעצמותו ית׳ בתחתונים. און נאכמער: דוקא בא דער אמה העבריה איז דא דער תנאי בתחלת המכירה (ידידה) אז דער תכלית מוז זיין יעוד (אדער פדיון) האמה.

וואס דערפון איז מובן: היות אז די מעלה שפיגלט זיך אפ דוקא אין א בת בישראל (אן אמה, און ניט א מאנסביל), באווייזט עס אז אין דער עבודה האט א בת ישראל א מעלה לגבי אן איש — אז דוקא נשי ובנות ישראל טוען אויף די שלימות העבודה פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים (וואס דער כח לזה איז געגעבן געווארן בא מ״ת, און דער פולער אויסדריק דערפון איז אין משכן), ווי געזעדט פריער — אז זיי נעמען די חטים און פשתן וואס דער בעל ברענגט אריין אין שטוב, און גרייטן דאס צו למלבוש ולמאכל אדם, פון וועלכן מ׳באקומט חיות און כח צו לעבן און עובד זיין את ה׳, בדוגמת המעלה פון עבודת אמה העבריה לגבי עבודת העבד, כנ״ל.

ביז התכלית בעבודה זו — יעוד האמה — דער ענין פון חתונה ובנין בית בישראל, ותכלית השלימות — הולדת בנים ובנות: אז זי ווערט נתעלה פון דער דרגא פון אפי׳ ובישול לבעלה, און עס ווערט דער יחוד פון איש ואשה, והולדת בנים ובנות, תכלית השלימות פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים.

ז. לויט דעם ביאור הנ״ל איז מובן די שייכות והמשך פון די דריי פרשיות הנ״ל — יתרו משפטים ותרומה — בקשר מיט מעלת נשי ובנות ישראל:

אין די דריי ענינים בכללייס (מ״ת, עבודת העבד, משכן) בג׳ פרשיות אלו איז אונטערשטראכן מעלת נשי ובנות ישראל, ווייל אידישע פרויען און טעכ־טער נעמען א הויפט־אינטייל אין דער עבודה פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים — דער תוכן פון די דריי איבנדערמאנטע ענינים: מ״ת, תינוך — די נתינת כח צו דער עבודה פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים, וואס אלס הקדמה לזה האט מען גערעדט פריער צו די נשים („כה תאמר לבית יעקב״); דערנאך איז דער עבודה בפועל — עבודת העבד — ווערט די שלימות העבוהד אנגעדייטעט אין א בת ישראל (אמה העבריה), ביז דער תכלית השלימות בזה — יעוד[54] האמה, יחוד איש ואשה (כנס״י והקב״ה), וואס דער־מולט איז „שכינה ביניהן״ — „ושכנתי בתוכם״ אין דעם משכן[55] בבית פרטי זה; דערנאך בנדבת המשכן — די שלימות בפועל פון דירה בתחתונים, דער משכן בעולם[55] (ניט נאר בבית פרטי) — האבן די נשים מקדים געווען, לפני האנשים.

55) ולהעיר שגם המשכן (ושכנתי בתוכם) הוא של יעוד — [illegible] לך שם (תרומה כה, כב), ונועד לכם שמה (תצוה כט, מב) — ראה אוה״ת שם ע׳ איתמב. וכן במ״ת הי׳ יעוד (יחוד) הקב״ה וכנס״י — יום חתונתו זה מ״ת [illegible]

ויש לומר החילוק ביניהם (וסדר ג׳ פרשיות אלו): פ׳ יתרו (מ״ת) — יעוד שלמעלמ״ט; פ׳ משפטים (יעוד אמה העבריה) — יעוד שלמטלמ״ע, ע״י עבודת האדם (יחוד איש ואשה) במשכן הפרטי; פ׳ תרומה — יעוד במשכן הכללי, בעולם, חיבור ב׳ הקוין השראת השכינה למטה (מלמעלמ״ט) במקום המשכן שנעשה ע״י עבודת האדם (מלמטלמ״ע). [illegible]

. . והולדת בנים ובנות*), תכלית השלימות פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים . .

*ס״ז*

. . ווערט די שלימות העבודה אנגעדייטעט . . *[תחלה נכתב ״העבוהד״, ותיקן כ״ק אדמו״ר שליט״א כנ״ל]*

---

***) שבכל א׳ מהם - ג׳ שותפין: אב ואם והשם, כביכול (נדה . . .).**

ח. ע"פ המבואר לעיל איז פארשטאנדיק די שייכות פון דעם כינוס דבנות ישראל וואס קומט פאר בימים אלו מיט די פרשיות שבתורה פון ימים אלו (פ' יתרו, משפטים, תרומה)[56].

און דער לימוד וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען בנוגע צו דעם כינוס — איז א צווייענדיקער לימוד:

דער ערשטער לימוד וואס מ'האט דערפון איז — די ספעציעלע שליחות ותפקיד פון בנות ישראל צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, דורך דעם וואס יעדערע פון זיי וועלן, בעז"ה, בקרוב ממש חתונה האבן און אויפשטעלן א בית בישראל — א משכן לה', כולל דורך משפיע זיין אויף איר מאן בכל עניני קדושה ותומ"צ, און אויפהאדעווען קינדער מיט א חינוך על טהרת הקודש (דער ענין פון מתן תורה הפרטי),

און אזוי אויך — משפיע זיין אויף דעם גאנצן ארום אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, דורך זיין א דוגמא חי' ווי אן אידישע פרוי און טאכטער דארף זיך אויפפירן, וואס דעמולט וועט זיין — ממנה תראינה וכן תעשינה רבות.

און דערצו האבן נשי ובנות ישראל אויך די סאמע ווינטיקסטע שליחות — צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, ווי געוועזן מערערע מאל, אז כשם ווי בא יצי"מ איז "בשכר" (בזכות)[57] נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים", אזוי איז דאס אויך בכל דור ודור[58], און ספעציעל בדורנו זה, וועלכער איז א גלגול פון דור יוצאי מצרים[59].

און מ'זעט בטבע נשי ובנות ישראל, אז בא זיי (מער ווי בא אנשים) לייגט זיך בפשטות צו ארויסגיין שוין פון גלות, און מ'דארף זיך מיט זיי ווייניקער אמפערן אז מ'דארף שוין איצט ארויס פון גלות ווי מ'דארף זיך משתדל זיין מיט אנשים[60].

ט. דערצו האט מען א צווייטן לימוד — פאר אנשים — וועגן דעם גודל הכבוד וואס זיי דארפן אפגעבן צו נשי ובנות ישראל, ווייסנדיק גודל מעלת נשי ובנות ישראל (כנ"ל בארוכה), וואס דערויף (כבוד האשה) האט מען דעם

56) ולהעיר גם שסיום הכינוס הוא בא' דר"ח חודש אדר, — השייך במיוחד לנשי ובנות ישראל בידוע שנשים משמרות ראש חודש יותר מן האנשים (פדר"א פמ"ה. הובא בטור או"ח סתי"ז. ועוד). וראה לקו"ש ח"ח ע' 213 ואילך ובהנסמן שם. וראה בהנסמן לקמן הערה 61.

57) סוטה יא, ב. שמו"ר פ"א, יב.

58) במדב"ר פ"ג, ו.

59) ראה ילק"ש רות רמז תרו בסופו (ממדרש זוטא רות): אין הדורות נגאלים אלא בשכר נשים צדקניות שיש בדור.

60) שער הגלגולים הקדמה כ. לית (ספר הליקוטים להאריז"ל) שמות ג, ד.

61) להעיר ממאמרי אדה"ז ענינים (ע' שעג ואילך. ע' שפו ואילך). ועד"ז באוה"ת תשא ע' אתתקפה ואילך) ד"ה ~~ענין ראש חודש~~ של נשים שמשמרות אותו יותר מהאנשים משום שלא רצו ליתן נזמיהן לבעליהן במעשה העגל — שנשים מרגישים יותר מאנשים איך שאין ממש במזלות ישרים דלמעלה כו'.

. . די ספעציעלע שליחות ותפקיד פון בנות ישראל ~~צו~~ **אין דעם** מאכן א דירה לו ית' בתחתונים . .

. . און דערצו האבן נשי ובנות ישראל אויך די ~~סאמע~~ **גאר** ווינטיקס~~טע~~ שליחות . .

. . לייגט זיך בפשטות צו ארויסגיין ~~שוין~~ **מיד** פון גלות . .



בולטן לימוד פון דעם דין הנ"ל בנוגע צו אז אמה העבריי" (אז אביה טאר איר ניט פארקויפן סיידן מ'קען מקיים זיין מצות יעוד).

ווי דער דין איז" — "צוו חכמים יהא אדם מכבד את אשתו יותר מגופו כו'":

ס'איז מובן אז דער דין רעדט ניט וועגן איינעם וואס איז מבזה גופו ח"ו, היפך פסק ההלכה" אז "אין לו לאדם רשות על גופו כלל להכותו ולא לביישו ולא לצערו בשום צער כו'", נאר מ'מוז מכבד זיין דעם אייגענעם גוף זייענדיק "קנין הקב"ה". ואעפ"כ איז דער דין, אז וויפל אז אדם איז מכבד את גופו, דארף ער מכבד זיין את אשתו יותר מגופו.

דער לימוד דערפון איז בפשטות — ביחס איש לאשתו:

אע"פ וואס בכלל איז אן אשה אן "עזר כנגדו" וטפל לו, פונדעסטוועגן דארף דער איש איר מכבד זיין ניט נאר בגופו, ווי ער איז מכבד זיך אליין, ד.ה. איר ארויסהעלפן אין אירע זאכן פונקט ווי ער טוט עס פאר זיך אליין, נאר נאכמער — "מכבד את אשתו יותר מגופו", ער דארף איר ארויסהעלפן און מעודד זיין וכו' נאכמער וויפל ער טוט פאר זיך אליין, ד.ה. אפילו אויב זיין פרוי וויל האבן הילף אין א זאך וואס ביי אים איז דאס ניט אזוי תופס מקום און ער מיינט אז ס'איז א קלייניקייט — דארף ער איר מכבד און זיין און ארויסהעלפן אפילו על חשבון עצמו.

עאכו"כ ווען עס רעדט זיך (ניט וועגן דברי רשות, נאר) וועגן ענינים טובים וקדושים ותומ"צ — אז די פרוי וויל לערנען תורה כולל תורת החסידות, און וויל ארויסגיין (באופן דצניעות) טאן אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, איז זיכער אז דער מאן דארף מכבד זיין איר רצון (און — יותר מגופו) און איר מעודד זיין און ארויסהעלפן בכל אופן האפשרי.

ד.ה. אז אע"פ וואס בנוגע צו אן אשה זיינען דא הגבלות בנוגע לקיום המצוות ותלמוד תורה ("הלכות הצריכות להן כו' וכל מ"ע שאין הזמן גרמא וכל מצות לא תעשה כו'") בנוגע לעניננו, מעינות התורה, תורת החסידות" — וואריום נשים זיינען מחוייב אין לימוד תורת החסידות" וועלכע רעדט וועגן ידיעת ה', ואהבתו ויראתו וכו' — שגם הנשים

62) אבמות סב, סע"ב. רמב"ם הל' אישות פט"ו הי"ט. וראה ב"מ נט, כע"א. שו"ע אדה"ז חו"מ הל' אונאה סל"ב.

63) שו"ע אדה"ז שם. הל' נזק גוף ונפש ודיניהם ס"ד.

64) רמב"ם הל' רוצח ושמירת נפש פי"א ה"ד. רדב"ז הל' סנהדרין ספי"ח.

65) בראשית ב, יח. יבמות שם.

66) הל' ת"ת לאדה"ז ספ"א. וראה גם ספר חסידים סי' שיג. ב"י או"ח סמ"ז. רמ"א יו"ד סרמ"ו ס"ו. ועוד.

67) בלשון הבעש"ט והאדה"ק שלו (נדפסה בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ) בשיחצו מעינותיך.

68) ראה גם אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' תסח ואילך. ח"ד ע' קפו ואילך. ח"ה ע' שלו ואילך. ועוד.

. . נאר מ'מוז מכבד זיין דעם אייגענעם גוף ~~זייענדיק~~ **וועלכער איז** "קנין הקב"ה" . .

* ואעפ"כ איז דער דין . . *[הציון "*" פירושה סימון להתחלת פיסקא בפ"ע]*

. . ד.ה. **אויך** איר ארויסהעלפן אין אירע זאכן . .

. . הילף אין א זאך וואס ביי אים איז דאס ניט אזוי **פיל** תופס מקום . .

. . דארף ער איר מכבד ~~און~~ זיין און ארויסהעלפן . .

. . און וויל ארויסגיין (באופן דצניעות), **כפשוט**) . .



מחוייבות בהן", און זיינען מחוייב אין כללות הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה".

וכידוע אויך בזכרונות כ"ק מו"ח אדמו"ר דער גודל הכבוד וואס מ'האט אפגעגעבן לנשי ישראל ביחס ללימוד התורה שלהן וכו'".

ובפרט אז בזכות עבודת הנשים דוקא וועלן אלע אידן (אויך די אנשים) ארויס־גיין פון גלות, דארפן די אנשים זיכער זיי ארויסהעלפן אין אזא וויכטיקע עבודה.

י. בכדי נאכמער צוגעבן אין די החלטות טובות און די עבודה בפועל וואס וועט ארויסקומען פון דעם כינוס של בנות ישראל — וועט מען אין דעם משתף זיין כל המתוועדים כאן דורך געבן א דבר גשמי — די מזונות (— לקח) פון דער התוועדות.

ויהי רצון אז דער כינוס זאל זיין בהצלחה רבה ומופלגה, און מ'זאל אנ־נעמען פאסיקע החלטות בהתאם להנ"ל אין אויספירן דער תפקיד קדוש פון נשי ובנות ישראל.

און דורך דעם וואס די נשי ובנות ישראל וועלן אויספירן זייער שליחות, וועלן זיי ברענגען און צואיילן די גאולה, וואס דעמולט וועלן זיין די „נישואין" בין הקב"ה וכנסת ישראל", שלימות הגילוי פון דירה בתחתונים, אוז סיוועט דעמולט נתגלה ווערן גודל מעלת הנשים" (כנס"י) — „נקבה תסובב גבר"", און „מהרה" ישמע כו' קול חתן (און אויך) וקול כלה",

במהרה בימינו ממש, וכשמחה ובטוב לבב.

69) „שחיובן תמידי כו'" — אגרת המחבר בהקדמת ספר החינוך.

70) נוכח לזה שיש לה שכר כשלומדת הלכות שאינן צריכות להן — הל' ת"ת שם. וראה [illegible]

71) ראה ספר הזכרונות ח"ב פרק פ. שם פצ"ג. [illegible]

72) שמו"ר פכ"ט. נת' בלקו"ת שה"ש מח, א ואילך. ועוד.

73) ראה תו"א ס"פ ויגש. לקו"ת שם. ב, ע"ד.

74) ירמי' לא, כב.

75) ברכה שבע ברכות (ע"פ ירמי' לג, יו"ד). וראה מקומות שבהערה 73.

70) נוסף **על** ~~לזה~~ זה שיש לה שכר כשלומדת הלכות שאינן צריכות להן . .

75) ברכ~~ה~~ה **דחותם** ש~~בע~~ ברכות **נישואין** . .

## פתח דבר

בס"ד.

בזה הננו מוציאים לאור חלק משיחת ש"פ משפטים, מבה"ח אדר ראשון שנה זו – בקשר עם הכינוס הי"ב של התלמידות ("אַלומנאַי") ד"מכון חנה", שנערך בימים אלה.

מערכת "אוצר החסידים"

ה'תשמ"ו

ברוקלין, נ.י.

**שלהי אדר ראשון,** ה'תשמ"ו

לזכות

החתן הת' **מנחם מענדל**

והכלה מ' **שרה שאשא**

שיחיו **פיקרסקי**

•

יה"ר שיבנו בית בישראל

בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה

כפי שהם מוארים במאור שבתורה

זוהי תורת החסידות

לנח"ר כ"ק אדמו"ר שליט"א

ויזכו לנסוע בשליחות כ"ק אדמו"ר שליט"א